STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06504

DER FARKISHUFTER YARID

Yitshak Goldkorn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאָלדקאָרן

דער
פֿאַרכּישופֿטער
יאַריד

נייע משלים

ניו־יאָרק ■ 1976

I. GOLDKORN

THE ENCHANTED FAIR

NEW FABLES

י. גאָלדקאָרן / דער פאַרכישופטער יאַריד

❋

Printed in the United States of America
New York • 1976

געדרוקט דורך „שלום" טיפּאָגראַפערס

יצחק גאָלדקאָרן

דער פֿאַרכּישופֿטער יאַריד

אינהאַלט

די אויסגעריסענע רויז 7
די שליחים און דער וועג 8
דער אונטערגאַנג פון די פלאַמינגאָס 10
דער פאַרבישופטער יאַריד 12
דער יישובניק און דער לערנער 14
די וואַזע און דאָס גלאָז 15
די וויק־אויספּרואוּוערס 16
דאָס רויטהעלדזל און דער סאָלאָוויי 18
די חזירים, די הינט און דער פאַרמער 20
דער פרוכטבוים און דער לײדיקער בוים 21
די האַרבסטיקע ביימער 22
דער געלערנטער פויגל און דער חיות־פלענום . . . 23
דער שווימער בײם ים־ברעג 25
דער דבר־אחר און דאָס פערד 26
דער וואַנדערער און דער טונעל 27
אַמו־טאַבו, דער קאַניבאַל 29
דער גאָסן־בעזעם און דער שטובן־בעזעם 31
דער היפּאָפּאָטאַם און די גאָזעל 32
די קרעטשמע און די אורחים 34
די ווילדעניש־בלום און די שטאָט־בלום 36
דער קאַלטער קאַנטאָר 38
דער וויסער בער, די הירשן און דער בופלאָקס . . . 40
די פלאַטקעס, סאַרדינען און הערינג 41
דער פריץ־סמאַראַגוואָז און דער פערדיונג 42
די אויסגעצייכנטע נישט־קעמפערס 44
לעאָ 1 און דער חיות־טריאומוויראַט 46
דאָס אַפּפּאַל־בערגל און דער באַרג 48
די בלום אין דעם מיסטעמער 49
דער קאַטערינשטשיק און דער קאַפּעל־מייסטער . . . 50
דער אַרדן פון דעם קנאַבל־האַלדזבאַנד 52
דער הויז־אייגנטימער און די לאַקאַטאַרן 54

דער געקעכטס־פּאַרזוכער און די קוכערס	56
דער הונט און דאָס שטעכל־חזירל	58
די מוקן און דער אָדלער	59
די פּיאַווקעס	60
דאָס חזיר און די קאַץ	61
דער מעלאַמאַן און דער מוזיקאַנט	62
די פליג און די בין	64
די שטעכלקע און די „מין־בלום"	66
די אַרעסטאַנטן	68
די עלעקטרישע סטאַנציע און דער מאַשיניסט	70
די זאַמד־און וואַסער־שלעסער	71
צוויי שיפן אויפן ים	72
די מאַלפּע און דער רעהירש	74
דער פּאַפּוגיי און דאָס בלויערל	76
דער קוואַרטעט און די טרילערלעך	78
די חיות־פעדעראַציע און דער הירש	80
די קינדער און די זייפנבלאָזן	82
די סאָווע און דער סאָלאָוויי	84
די קולות־פאַרפּלייצונג	86
די מוראַשקע און דאָס פלאַטערל	88
דער באַלאָן און די טויב	89
די ווילדע הון און די מעווע	90
דער גאַנער, די קאַטשקע און דער שוואַן	91
דער הונט און די קאַץ	92
די מאַרגעריטקע און די אימאָרטעל	93
דער שוסטער מיט די פּרעטענזיעס	94
דער פּאָרטרעטן־מאָלער	95
די קאָרטן־שפּילערס	96
דער באָטאַניקער און די פלאַנצן	97
דער „אומבאַרירלעכער" ראַץ	99
דער פורמאַן און דאָס פערד	100
דאָס ריטשקעלע און דער קוואַל	101
די פיש־פאַנגערס	102
דער כאַמעלעאָן און די פּאַווע	103
דער טיש און די קאָמאָדע	104

דער דיין מיט דער שיינער שטים 105
די גליאָוויניעס און די קוילען 106
די אַ׳פּאַרנס 107
די וואַנדערערס און די זאַפּאַסן 108
די בערג און די דיסטאַנצן 109
די פלוי און דער הונט 110
דאָס ווילדגראָז און די זריעה־קערנדלעך 111
די לעצטע שטראַלן 112
די שטובן־מאַליערס 112
דער רולעט־שפּילער 114
דער פיליגראַן־שמיד און די מבינים 115
די פּאַסאַזשירן און די באַן־סטאַנציע 116
די בריליאַנטן אין מויל 117
די לויפערס צום זיסן קוואַל 118
צווייי קוואַלן 119
דער געלערנטער און דער פּאָעט 120
די אַקטיאָרן 121
דער פּאַרמער און דער האַרטער באָדן 122



דאָס בוך איז געהייליקט מיין אומפאַרגעסלעכער פּלימעניצע

מערילין פינקלער ע״ה

וואָס איז אַוועק פון דער וועלט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

אין בליענדיקן עלטער פון 19 יאָר

דעם 5טן אַפּריל, 1975 (כ״ד ניסן, תשל״ה).

די אויסגעריסענע רויז

געוואַקסן איז אין גאָרטן אַרום דעם הויז
אַ וואונדערלעכע און דעליקאַטע רויז,
איז אַ פריער, בייזער שטורעם געקומען —
אויסגעריסן די שענסטע פון די בלומען,
און ס'איז פאַרגאַנגען אין דער טיף־שוואַרצער נאַכט
די, וואָס האָט פאַרשיינט דעם דרויסן מיט איר פראַכט.

גענויגט די בלומען־שוועסטער אין באַדויער
און ס'איז דער גערטנער אין טרייסטלאָזן טרויער;
יעדער איינער אין זיין גרויסער אַליינקייט
איז פאַרהילט אין אַ פיין־וואָלקן: די שיינקייט —
די פלאַנץ פון רום און לויב —
ווערט אויפגעלייזט אין שטויב.

• • •

ס'איז דאָ טיפער צער אויך אין צייטיקן
בלומען־וועלקן; ווי טיף איז דאָס ווייטיקן
איבער דעם אומקום פון דער יונגער חן־בלום,
וואָס האָט מיט מילדקייט באַפרילינגט דעם אַרום —
צוליב דער שיינקייטס פריצייטיקן פאַרגאַנג,
ווי אַן איבערגעריסן געטלעך געזאַנג!

בלויז אַ דערמאָנונג ליכטיקט פון שטויב אַרויס:
די שיינקייט פאַרשווינדט קיינמאָל נישט אינגאַנצן;
אויך נאָכן וועלקן לעבן ווייטער פלאַנצן —
ס'בלייבט אין דער לופט דער אַראָמאַט פון דער רויז.

די שליחים און דער וועג

צוויי זענען אין אַ שליחות אַ וויכטיקער
געווען אין וועג — איינער אַ גאַנץ קורצזיכטיקער,
דער צווייטער אַ מענטש מיט אַ קלאָרן, ווייטן בליק. —
נישט געווען קיין טראַנספּאָרט און אויך נישט קיין צוריק,
האָבן זיי געוואַנדערט איבער אַ נישט־גלייכן
וועג אין אַ פּוסטעניש צו פוס, צו דערגרייכן
זייער ציל. — „פּאַמעלעך", האָט געזאָגט דער איינער
מיטן קלאָרן בליק, „כ'זע פון דער ווייטנס שטיינער
גריבער און שטרויכלונגען כלערליי.
מען מוז אומבאַדינגט אויסמיידן זיי —
כדי מיר זאָלן נישט צעברעכן דאָס גניק —
דורך פאַרקערעווען אין אַ זייט, צום ערשט צוריק
און נאָך דעם אין אַ זיגזאַג פאָראויס,
וואו מיר וועלן פון געפאַר אַרויס".

מיט טענות איז אַרויס דער מענטש קורצזיכטיקער:
„איך האַלט אַז מיין שטאַנדפּונקט איז אַ ריכטיקער.
מען דאַרף גיין פאָראויס, באַזיגן שוועריקייטן,
אַריבערגיין דעם איצט צו בעסערע צייטן
און נישט אַנטלויפן ווי אַ דעזערטיר־פּחדן,
ווען מען אַלע האָבן גאָר פיינט און פאַראַכטן.
מיר — צו אַלדי רוחות —
האָבן אַ שליחות!
פּראָגרעס דאַרף, צוליב דעם ציל, אונדזער פּאַראָל זיין;
יאָ, פּראָגרעס דאַרף ווערן אונדזער ציל פאַר זיך אַליין".

האָט דער קורצזיכטיקער געשפּרייזט צום פאָראויס־ציל —
און איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב מיט אָפּפאַל פיל
און איז געבליבן ליגן אין געהאַקטע וואונדן,

די ביינער צעקלאַפּטע און די הויט צעשונדן,
ביז ס'איז געקומען דער מיט דער גוטער ראיה,
אים פון דעם גרוב שמוציקן אַרויסצוציען.

ווען דער קורצזיכטיקער האָט געוויינט און געקלאָגט,
האָט דער ווייטזיכטיקער אים אַזוי געזאָגט:
„סתם 'צו מאַרשירן פאָראויס, צו פּראָגרעסירן' —
דאָס הייסט — אין פראַזן־פּעדערן זיך צו צירן,
נאָכצופּלאַפּלען ווערטער, נישט וויסנדיק דעם מיין.
פאָרשריט — דאָס הייסט: צו אַ וויכטיקן ציל צו גיין,
אויף אַ וועג, וואָס איז פריי פון זומפּן און גריבער.
ווען דער וועג איז אָבער פאַסקודנע, איז ליבער
און אויך קראַנטער צו גיין צוריק אַ שטיקל צייט
(און מען מוז אויסהערן 'צוריקגייער' זיין גרייט),
צו מאַרשירן אין אַ זיגזאַג, צו פאַרמיידן
פאַרשידענע שטרויכלונגען, פיל וואונדן און ליידן.
פאַראַן אַ פאָראויס וואָס איז אַ גאַנג צום צוריק,
און אַ צוריקגאַנג וואָס ווענדט צום פאָראויס זיין בליק".

דער אונטערגאַנג פֿון די פלאַמינגאָס

האָבן אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן
פלאַמינגאָס, די מיט די שיינע פאַרבן,
די פייגל, די שטאָלצע און גראַציעזע;
ס'האָט געדראָעט דער שיינער פייגל־גזע
דער סוף פון אַלע סופן,
אויך דער ערגסטער — פון האָפן.

די יונגע עופות האָבן זיך אויסגעמישט
מיט אַנדערע פייגל־מינים (פאַרווישט
איז געוואָרן דער שטאַם־קענצייכן);
זענען אַוועק צו ווייטע טייכן.

„נישט ווייט דאָך פון פאַרמאַכן אַן אייגל",
האָט זיך געטראַכט יעדער פון די פייגל,
„און אויב איך לאָז נישט איבער קיין שום
יורש, איז דאָך אַ זיכערער אומקום!"

זענען זיי זיך צו אַן עקסטראַ־כינוס
צוזאַמענגעקומען און פיל קינות
אויסגעהערט, פלענער, עצות אָן אַן ענד,
ווי אַזוי אויסצומיידן דעם פאַרלענד.

„עק וועלט!" האָבן דערפאַרענע געזאָגט;
„כלו כל הקיצין!" האָבן געקלאָגט
די עלטסטע: „ס'איז בייזער גזר באַשערט,
עס פאַרשווינדט אונדזער מין פון דער ערד!"

דאָ האָט אַ פויגל דאָס וואָרט גענומען:
„נישט שרעקיק, אפילו מיר אומקומען
זאָלן: ס'וועלן געלערנטע שטודירן

אונדז און אונדזערע מוחות מאַרינירן;
מען וועט פאַרשן אונדזער אַנאַטאָמיע,
אונדזער באַזונדערע פיזיאָנאָמיע;
יאָ, מען וועט אונדז אויסגעשטאָפּטע האַלטן,
מען זאָל אונדז זען
אין מוזייען;
כדי אונדזערע שיינע געשטאַלטן
זאָלן פאַר די צוקונפט־דורות פאַרבלייבן
און ס׳זאָלן וועגן אונדז ווערק שרייבן
געלערנטע, פאַרשערס פון אונדזער לשון:
ניין, ס׳איז נאָך אין גאַנצן נישט פאַרלאָשן
אונדזער האָפענונג; ס׳איז גראָד פאַרקערט —
מיר לעבן אויף פאַר זיי ערשט אין דער ערד״.

איין פלאַמינגאָ האָט באַמערקט מיט טרויער:
„ס׳איז אָך־און־ווי, אַז דאָס אונדזער דויער
זאָל זיין; אַנשטאָט פליען אין די הימלען —
ערגעץ אין אַ שטודירזאַל צו שימלען.

„סוף־דבר — וואָס איז צו רעדן אַ סך? —
חוקרים פאַרשן, דאָס איז זייער פאַך;
וועלן זייערע מאמרים בלאַסע
דען אויפלעבן די פלאַמינגאָ־ראַסע?״

דער פאַרכישופטער יאריד

אַ מאָדנער יאריד, גאָר אַ גראָטעסקער יארמארק
ווערט דורכגעפירט אין ניישטעטל, דעם ריזן־כרך:
אַ מקדמונים־באַזאַר, וואָס זעט זיך אָן שטאַרק —
מיט אויסשטעלערס און סחורות אַ סך.

וואו זענען פאַרשוואונדן געוואָרן די „קויפערס״?
כאָטש אַלאַרמיר זיי, זאָמל זיי איין מיט שופרס!
און דער אמת איז — טאַקע אַ מעשה־נורא —
ס׳האָבן באַשלאָסן נישט צו קויפן קיין סחורה
די ניישטעטלער און די אומגעגנט־פויערן —
אויך ווען דער יאריד זאָל הונדערט יאָר דויערן.

— וואָס עס איז מאָדנע, אין וואָס דער גראָטעסק באַשטייט?
וואָס פול מיט פראָדוקטן זענען די געשטעלן —
נאָר פאַבריקאַנטן, קרעמערס קומען; אַלץ איז גרייט,
אָבער קיינער קומט נישט עפּעס קויפן, באַשטעלן.

די פאַבריקאַנטן, קרעמערס — איינער צום צווייטן
קומט, שאַצט אָפּ, לויבט עפּעס; אָבער — וויי־געשריגן —
נישטאָ קיין פדיון אויף דעם יאריד צעדרייטן:
די סוחרים דרייען זיך; די סחורה בלייבט ליגן.

הינטער די אויגן די קרעמערס זיך באַריידן
אַרום די נישט־באַרירטע פּאַליצעס, שטעלן:
קלאָר, דעמס סחורות זענען דאָך נישט צו דערליידן;
יענעמס טאנדייט־אַרבעט — ווי קאָן דאָס געפעלן?״

זיכער, אַז מען שטייט אויפֿן יאַריד פֿוסטעפּאַס
יעדן טאָג, ווערט נודנע; הייבט מען אָן אַרומוואַנדלען
פֿאַרביי די שטעלן און מען לאָזט אויס דעם כעס
צוליב נישט־האַנדלען — דעם צווייטן צו „באַהאַנדלען“.

* * *

ווי געפֿעלט אייך טאַקע דאָס פֿאַרכישופֿטע אָרט,
דער גערויש און טומל אויפֿן הוילן יאַרמאַרק
פֿון ניישטעטל? דאָס דערמאָנט אין אַ בלאָקירטן פּאָרט,
פֿול מיט שיפֿן אויף איין פּלאַץ, אָדער אין אַ פּאַלוואַרק,
וואו ס׳דרייען זיך פּוסט, אָן קאָרן, מילן־רעדער.
קען מען אַזאַ גראָטעסק מאָלן מיט דער פּעדער?
— אפֿשר קען מען בלויז דעם פֿאַנטאָם־יאַריד
שילדערן ברמז אין אַ משל־ליד.

דער יישובניק און דער לערנער

אַ יישובניק אַמאָל געקומען
איז אין שול און האָט געמוזט שטומען,
אָדער נאָכזאָגן, פון צייט צו צייט
דעם חזן און די געלערנטע לייט,
און ווי ס'איז ביי אַזעלכע דער שטייגער —
געשפילט די ראָל פון דעם קטיגור:
„דער האָט דאָך גאָר נישט גוט געדאַוונט;
יענער — אין לערנען נישט באַהאַוונט".

די חוצפה האָט קענטיק דערצערנט
איינעם, וואָס האָט תורה געלערנט:
„ס'איז דאָך עק־וועלט: אַ בור דאורייתא,
שפּילסט גאָר די ראָל פון אַן אַלץ־ווייסער!

„צי ס'איז אַ ספר, צי אַ סידור —
דאָס איז דאָך דיר בכלל דערווידער;
יעדער חיבור, סתם,
איז דאָך פאַר דיר סם:
דעם „חמץ" מוזסטו נישט מבער־זיין,
ווייל ער קומט נישט אין שטוב אַריין.
וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דיין פּלאַפּלען
וועגן „דאַווענען", דיין „הויך־שטאַפּלען":
„לערנען", אַז דעם שליח־ציבור
פון אויסנווייניק, אָן אַ סידור,
זאָגסטו נאָך — אויטאָמאַטיש און הויל
און די ווערטער פליען פון דיין מויל
ווי פוסטע פּלעוועס? נישט קיין חידוש,
וואָס „טערקיש" איז פאַר דיר אויך יידיש:
דו טוסט דיין עם־הארצות קולטיווירן
ווי ווילדע, וואָס אין פעדערן זיך צירן".

די וואַזע און דאָס גלאָז

אויפן קאַמאָד אַ באַזילבערט פאַרצעלאַן־געשיר
איז געשטאַנען; אַ וואַזע — אַ צאַצקע און אַ ציר —
און גערימט זיך פאַר אַ פּראָסט גלאָז דערנעבן:
— „צייטן, האַ! פאַרווישט אַלע גרעניצן, כ׳לעבן!
ווי אויף אַ באַנקעט — אַ בעטלער מיטן ריח פון קנאָבל,
אַזאַ דיסאַנאַנס און גרילץ איז צו מישן גראָב מיט נאָבל,
אַלץ וואָס איז לוקסוס
מיט דעם וואָס ׳יוקס׳ איז. —
יאָ, ווען אַ לייב וועט זיך פּאַשען מיט אַ ציג אויפן גראָז,
ערשט דעמאָלט וועל איך זיך חברן מיט אַ פּראָסט גלאָז״.

נישט קוקנדיק אויף זיין עניוות,
האָט דאָס גלאָז געענטפערט מיט חשיבות:
— „געצירטע וואַזע,
דו ביסט מבזה
אונדז, ׳פּראָסטע און געמיינע׳;
מיר, גלעזער, זענען אָבער ריינע.
דו, דאַקעגן, מיט דיין רייכן גלאַנצן,
ביסט דווקא נישט לויטער אינגאַנצן.
יאָ, דיין שיינקייט פאַרדינט לויב,
אָבער דו ביסט פול מיט שטויב
צווישן דיינע קאַרבן,
וואָס בלענדן מיט פאַרבן.
און אַזוי ווי דו ביסט אַליין נישט ריין,
ווערט שמוציק אַלץ, וואָס קומט אין דיר אַריין.
נו, ס׳איז באַקאַנט דעם פוסטאָקראַטס דרך —
גרינגצושעצן דעם אַנדערנס ערך
און זיך אַליין צו הויבן צום הימל,
הגם ער איז פול מיט שטויב און שימל״.

די וויין־אויספּרואווערס

האָט אַ נייע פירמע —
„ש. שעקער דע־מירמאָ" —
איבערגענומען אַ וויינהויז אַן אַלטס
און מיט אַ מאָל געענדערט אין געשעפט אַלץ:
צו פעלשן אָנגעהויבן —
'במקום' אָנשטאָט וויינטרויבן
און אַלץ וואָס קען נאָר אַריין
אַריינגעבראָקט אין דעם 'וויין' —
סאַכאַרין, געווירצן, עסיק און פאַרבן,
ער זאָל האָבן אַ טעם אַ זיס־האַרבן.

די פאַרזוכערס האָבן גלייך געזאָגט: „ס'איז נישט שיין!
ס'איז אַלץ אין דער וועלט וואָס אירווילט, נאָר נישט קיין וויין". —
האָט די פירמע אָנגעשטעלט נייע וויין־קענערס,
וואָס האָבן געזאָגט: „נישטאָ בעסערס און שענערס
פון דעם „דע־מירמאָ" וויין; מיר שווערן,
ער איז אויך פאַר קאָנואַסערן!"

אַן אמתער מבין האָט פעד און שוועבל
געגאָסן אויף די מיטן הכשר־לעיבל:
„'ליקער' הייסט ביי אייך יעדער ביליקער קוואַס
און וויין איז אַלץ, וואָס איז נאָר זיסלעך און נאַס.
וואָלט איר טאַקע געווען מבינים
אויף די פאַרשידענע וויין־מינים,
וואָלט איר דאָך נישט אַריינגעפאַלן אין התפעלות,
און אויסגערעכנט די באַזונדערע מעלות
פון וויין־סוראָגאַטן אַלערליי,
וואָס איר לויבט אין הימל אַריין — אַד־און־ווי —
און באַצייכנט אין אייער רשימה

ווי וויין — דער סאַמע פרימאַ־דע־פרימאַ
(אויף אַ פראָסטן מים־אחרונים־פּאַס
קלעבט איר אויף אַ צעטל : ׳וויין ערשטער קלאַס׳).
פאַר אייך מיט אייער מאַנקאַליע
איז בורגונדער — קאַקאַ־קאַלאַ
און יעדעס פלעשל לאַקריץ־מים
(אויך ווען ס׳איז ענלעך צו שיריים),
וואָס בלעזלט זיך שטאַרק און רוישט —
איז שאַמפּאַניער, וואָס באַרוישט.

„וואָס איז דער מער מיט אייך, איר וויין־עקספּערטן,
וואָס איר גיט אַן ׳אָפּשאַץ׳ אַ פאַרקערטן;
וואָס ׳סופער׳ איז פאַר אייך דער ערגסטער בראַק
און גאָר פּיקאַנט — דאָס איבלדיק־זיסע ?
קלאָר : ס׳איז אַטראָפּירט אייער געשמאַק,
און אפשר אויך אייער געוויסן“.

דאָס רויטהעלדזל און דער סאָלאָוויי

אין אַ שטייג פון אַ „זו“ — אַז אַד־און־ווי —
אַ רויטהעלדזל און אַ סאָלאָוויי
זענען מיט טרויעריקע אויגן
אַן אַ ציל אין אַ קרייז געפלויגן.

זיך אָפּגעשטעלט,
ווי אים געפעלט,
מיט אַמאָל — זינגען אָנגעהויבן
האָט דער סאָלאָוויי. — „וואָס ? נאָך לויבן
און דאַנקען ? משוגע דאַרף מען זיין
צו זינגען אין עלנט און אין פּיין“,
געזאָגט דאָס רויטהעלדזל פאַרביטערט
האָט און זיין קול האָט שטאַרק געציטערט :
„ווי קען מען גאָר זינגען אין אַ שטייג,
ווי אין היימישן גאָרטן אויף אַ צווייג,
צי אין וואַלד־געווילד
מתיקותדיק־מילד ?
ניין, ס'מישן זיך נישט געזאַנגען
מיטן מוראדיקן 'געפאַנגען'.
לאָזט זיך דען זינגען שירה־לויבן
פאַרן וועכטער דעם אַלטן, טויבן
און פאַר די מאַלפּעס און טכוירן ? —
מען קען בלויז שווייגן און טרויערן.
יעדער טאָן עכטער
בלייבט אַ פאַרשוועכטער
און יעדע מעלאָדיע
קלינגט ווי אַ פּאַראָדיע
אין דעם אָרום —
בעסער זיין שטום“.

„נישט קיין קונץ צו זינגען אויף דער פריי" —
האָט שטיל געענטפערט דער סאָלאָווײ —
„ווען פון אומעטום פלייצן
כסדרדיקע רייצן;
ווען דו הערסט לויטערע אָפּקלאַנגען
נאָנט און ווייט פון דײנע געזאַנגען.
מען דאַרף אָבער נישט אויפגעבן
דאָס, וואָס איז אונדזער גאַנץ לעבן —
אונדזערע הלל־געזאַנגען —
אויך אונטער אייזערנע שטאַנגען:
אין אונדזער סביבה — [illegible]עכט און מיאוס —
איז דאָס — אין אַ מדבר אַן אַאַזיס".

❀

די חזירים, די הינט און דער פּאַרמער

אַ פּאַרמער, נאָך אַ גוטן טרונק, האָט אַן איינפּאַל
איין מאָל געהאַט: ער איז אַריין אין חזיר־שטאַל
און מכבד געווען די קוויטשערס צו ביסלעך
מיט מאַנדלען, ראָזשינקעס און כלערליי ניסלעך,
און די זעלבע דעליקאַטעסן געגעבן
די הינט, וואָס זענען געלאָפן דערנעבן.
„יאָ", האָט געטראַכט דער פּאַרמער, „זאָלן זיי וויסן
איין מאָל פון אַ לעבן און טאָקע געניסן!"

האָבן געשניפּלט מיט די שנוקעס די חזירים,
אַנטוישטע, ווי איינער זאָגט: „פרעג מיך בחרם
וואָס פאַראַ מאכלים מען דערלאַנגט היינט!" „כרוק־כרוק",
האָט יעדער, מעשה־מיגל, געדרייט מיטן שנוק,
און האָט דעם כיבוד צעטראָטן, צעוואָרפן:
„כיך האָב אַזאַ מיאוסקייט נישט באַדאָרפן!"

אויך די הינט האָבן געניוכעט מיט אומצופרידנקייט:
„פע, וואָס גיט ער עפּעס היינט אונדז אַזאַ שטרוי?!
וואָס איז ער טאָקע משוגע געוואָרן גאָר?" —
האָבן זיי פּראָטעסטירט אין אַ בילעריי־כאָר.

האָט אַ שכן געזאָגט דעם פּאַרמער: „דאַרפסט וויסן,
אַז פאַר הינט, חזירים איז אַ גוטער ביסן
אַלץ וואָס זיי געפינען אין אָפּפאַל
הינטערן טיש, אָדער אין דער שטאַל,
און צו וואַרפן פאַר זיי עפּעס רעכטס איז אומזיסט —
זיי וועלן דאָך דאָס פּאַראומרייניקן אין מיסט
און צעטראַמפּלען, ווייל ס'איז נישט אין זייער געשמאַק —
דעם חוש־הטעם פון רינשטאָק און קלאָאַק.
צו געבן זיי אַ פיינע זאַך — איז קאַפּויער,
ווי פאַרצולייגן אַ פיינעם פּאַרפום אַ טכויר".

דער פּרוכטבוים און דער ליידיקער בוים

„הלוואי אויף מיר געזאָגט, אָן דיין שאָדן" —
אַ קליינער בוים, מיט פּרוכטן באַלאָדן —
זיך געוואָנדן האָט צו אַ הויכן בוים,
אָבער אַ ליידיקן. „מען זעט דיך קוים;
דו שפּאַרסט אָן אין די הימל־הייכן,
וואו בלויז זעלטענע ביימער דערגרייכן,
און פון אונדז, קליינוואַרג, יעדער באַזונדער
קוקט אַרויף צו דיר מיט גרויס באַוואונדער".

האָט געענטפערט דער ריז:
„אָן פּירות ליידיק איז
מיין גאַנצע גרויסקייט, ליידיק און וויסט;
פּרוכטבוים, דו ביסט מיך מקנא אומזיסט.
כ'וואָלט גאָר מיין הויכקייט אַוועקגעגעבן
פֿאַר די זיסע שפּראָצונגען פון לעבן.
כ'בין יעדע מינוט גרייט אויסצוטוישן
מיינע שפּיצן־קרוינען, וועלכע רוישן
אין די הייכן,
אויף דיינס גלייכן —
קליינע ביימער מיט פּרוכטן צייטיק —
און נישט וואַקסן אין איינזאַמען ווייטיק
אין דער הוילער הויך, וואָס איז מיר דערווידער:
איך בענק צו דיין היימלעכער נידער,
ווייל וואָסערע הויכקייט האָט דען אַ האָפט
אָן פּירות, אָן בליאונג און לעבנסזאַפט ?"

די האָרבסטיקעביימער

די האָרבסטיקע ביימער, איינגעהילטע אין טרויער,
מורמלען ווי זקנים אין אַ טיפן באַדויער
און באַטראַכטן מיט אומגעשטילטן צער
זייערע צווייגן — פאַרטרוקנט, דאַר:
„אָפּגעפאַלן די פרוכטן, בליעכץ און בלעטער" —
זייער אייגענעם טראַגישן לאַמענט
הערן זיי אין דעם אַקאָמפּאַניאַמענט
פון דעם ווינט — דעם בייזן, שאַדנפריידיקן שפּעטער.

„ווען איר האַלט אין איין קלאָגן,
וואָס דאַרף איך נאָך צו זאָגן ?"
האָט זיך אָפּגערופן אַן איינזאַמער בוים
(לויט זיין אויסזען האָט ער דעם נאָמען פאַרדינט קוים —
אַן איינגעדאַרטער, מיט אַן אָפּגעשיילטער קאָרע־הויט,
אַ לעבעדיקע מצבה, אַ בילד פון טויט) :
„אייערע שטאַמען און צווייגן
וועלן לעבנסזאַפטן זייגן
ווייטער און אויפבליען אויפסניי
אין אַ מילדן זוניקן מאַי,
און פון אייערע זוימען
וועלן הויך אין די רוימען
אַרויפשפּראָצן נייע ביימלעך. —
בלויז מיט מיר איז גאָר אומהיימלעך :
אַלע מיינע זאַפטן פאַרטרוקנט, אָפּגעשטאָרבן;
מיין שטאַם — אַ שאַל פון אויפלייזונג און חורבן".

דער געלערנטער פויגל און דער חיות־פּלענום

איז אַרויסגעקומען אין וואַלד מיט אַ דרשה
אַ געלערנטער פויגל, מיט אַ בקשה,
אַז ענדערן די פירעכצן די חיהשע,
באַזונדערס דאָס ווילדע לשון אַרכאַישע
זאָלן חיות, בהמות, עופות אַלערליי —
אפילו דער האָן — זיין אומגראַמאַטישן קריי:

„אייערע דיאַלעקטן זענען זייער באַרבאַריש
און וואָס נאָך ערגער — משונהדיק נאַריש.
מען דאַרף איינפירן גרינטלעכע רעפאָרמעס
און רעדן לויט ניי־איינגעשטעלטע נאָרמעס.

„'ציף־ציף־ציף' 'טשירי־טשירי־טשיפ' — צו לאַנגע
ווערטער זענען; דאָס זעלבע — ענלעכע קלאַנגען,
ווי 'טריל־טריל־טרילי': די אַלע אויסדרוקן מען דאַרף
אַרומצושלייפן, זיי זאָלן זיין קורץ און שאַרף.

„איך האָב דורכגעשמועסט מיט דריי חברה־לייט
און מיר זענען געקומען צום באַשלוס: ס'איז צייט
די 'ציפן', 'טשיריס' און 'טרילן' צו פאַרבראַקירן
און 'צי', 'טשי', 'טרי', וכדומה, איינצופירן.

„צו רעדן דאָס איצטיקע לשון — הייסט גיין קריק,
דאָס הייסט — צו פּראַוון די אַלטע שפּראַכלעכע שטיק
פון אונדזערע אורעלטערן אין ווילדן לאַנד —
צו באַניצן דאָס איצט איז גאָר אַ גרויסע שאַנד".

... איז אויסגעבראָכן אין וואַלד אַ טומל ווילדער,
אַ שטורעם פון פּראָטעסטן און אַ געפילדער:

„— ווי אַזוי מיר רעדן — דאָס איז אונדזער זאַך;
— מיר וועלן נישט לאָזן פאַרקריפּלען אונדזער שפּראַך!

„ווער האָט אייך, געלערנטער, געגעבן דאָס רעכט,
מיט אייערע ׳קומעס׳, צו פּסקענען וואָס עכט,
שיין און ריכטיק איז, אַז איר און אייער ׳כאַפּטע׳
האָט צונגען געליימטע, אויערן פאַרשטאָפּטע?

„אויב איר וואָלט ליב געהאַט אונדזער חיות־לשון,
וואָלט איר די־אָ פּוסטע ווערטער נישט געדראָשן
און נישט אָפּגעהאַקט, נעבעך, די הענט און די פּיס
די קלאַנגען — קאַליקעס, אָפּשטויסנדיק מיאוס.

„דער וועג צו העלפן לייטערן און רייניקן
די חיות־פייגל־שפּראַך איז צו פאַראייניקן
זיך מיט אונדז אַלע, די פאַרשידענע שטאַמען;
אויב מען דאַרף יאָ אויסבעסערן — איז צוזאַמען״.

❀

דער שווימער ביים ים־ברעג

אַ מענטש איז געשוואומען לענגאויס דעם ים־ברעג
(ר'האָט געוואָלט אויסמיידן געפאַרן מן הסתם),
אָבער שווימען אין פלאַכן וואַסער קאָן מען קוים
און מען ווערט פאַראומרייניקט פון אָפּפאַל און שוים
פון די ברעג־כוואַליעס. — האָט דער שווימער אין אָנהויב
געפּרואווט אָפּשטויסן פון זיך דעם אָפּפאַל, שוים און שטויב
אָבער ס'איז אַלץ ווידער צו אים צוריקגעקומען.
איז ער ווייטער אין דעם ים אַרויסגעשוואומען,
אַ ביסל אָפּגערוקט פון דעם ברעג, וואו ס'איז פריי
געווען דאָס וואַסער פון אָפּפאַל, מיסט כלערליי
און טיף גענוג, כדי לייכט, גראַציעז צו שווימען
און אין פאַל פון געפאַר, שנעל צום ברעג אָנצוקומען.

* * *

צו געפינען זיך נאָנט צום ברעג איז נישט געפערלעך,
אָבער מען ווערט באַדעקט מיט שמוץ און ס'איז שווערלעך
צו האַלטן זיך אויפן וואַסער; מען דאַרף ווייטער
פון ברעג שווימען ,וואו ס'איז טיפער און לויטער.

דער דבר־אחר און דאָס פערד

האָט געלאָזט וויסן אַ דבר־אחר, אַז אויפטרעטן
ער וועט מיט נייע קונצן, לכן וויל ער פאַרבעטן
צו קומען צום מאַרק אַלעמען און יעדן באַזונדער —
צו קומען געניסן, באַוואונדערן זיינע וואונדער.

דער מאַרק איז געווען געפּאַקט; און געשפּאַנט אַלע בליקן
פון די פיר־פיסיקע: „איין קלייניקייט — נייע טריקן!
איי דאָס זענען בלאָטע־טריקן? מילא; נישט אומזיסט
איז דאָך זיין עלעמענט אָפּפאַל, זיין סביבה — מיסט".

האָט מיט אַ וויכטיקער מינע און שטאָלצן בליק
דער 'איינטרעטער' געוויזן אַ טריק נאָך אַ טריק:
חזירייען פאַרשידענע, אַלע אויף 'איין געביט —
בלאָטע; ווייל שמוץ דעם דבר־אחר ווי אַ מאַגנעט ציט
און יעדע שפּאָגל־נייע קונץ ביי אים איז הינר־הדך;
ער קערט זיך אום ווידער און ווידער צו דער זעלבער זאַך.

די פיר־פיסיקע אַפּלאָדירן: „ביס"!
און ס'איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, געוויס,
נישט סתם אַזוי קיין אויפטריט אַ ליאַדע —
אַן אויפטריט אין אַ מייסטער־מיסטיאַדע!
בלויז דאָס פערד האָט זיך צעהירזשעט מיט שפּאָט: „דבר־אחר,
דו ביסט טאַקע אַ גרויסער אויפטוער און אַ מאַכער,
אָבער נישט יעדער קען דאָך געניסן
פון אַ פעסטיוואַל פון דעם מיאוסן;
חוץ דעם — דיין ניבול
איז טאָפּל איבל:
נישט בלויז האַלטסטו זיך אין איין איבערחזרן,
נאָר אויך אין אַ שטענדיקן **איבערחזירן**".

דער וואַנדערער און דער טונעל

האָט געוואַנדערט אַ מענטש איבער וועג און פֿליין,
אונטער פֿאַרכמאַרעטע הימלען אָדער זונשיין,
אָן רו. אַלץ ווייטער מאַרשירן — זיין גורל־בראָך,
ווי ס'וואָלט געהאָנגען איבער אים אַ קללה־שפּראָך.

אוודאי, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט קורץ צו מאָל
ביי אַ שיינער לאַנדשאַפֿט, אַ טייך, אַ בלומענטאָל.
דורך שטורעם־האָריזאָנטן, אַ רעגנבויגן
האָט טייל מאָל וואונדער־שטרייפֿן אויסגעצויגן;
ער האָט גענאָסן פֿון אַ סך פֿרוכטן זיסע —
נאָך מער איז געווען דאָס ביטערע און מיאוסע.

צום סוף איז ער צוגעקומען צו אַ טונעל
אין אַן אומצוטריטלעכן באַרג: ס'האָט ביי דער קעל
אים פֿאַרקלעמט — פֿון דער פֿינצטערניש און דעם גערוך
און ס'האָט איבער גאַר זיין לייב דורכגעבליצט אַ סקרוך.

ער האָט געהערט אַ קול,
גאָר האַרט און קאַלט ווי שטאָל:

„וואוהין פֿירט ער, דער געהיימנישפֿולער טונעל?
שמייכלט פֿון דער צווייטער זייט דער הימל בלוי־העל?
(אַזוי מקדמונים לאַנג,
האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג).
זענען דאָרט פֿאַראַנען
גערטנער מיט פֿאָנטאַנען,
מיט דערפֿרישנדיקע קוואַלן
און בראשית־וואַסערפֿאַלן?
זיסע רוישן,

וואָס באַרוישן,
פון פאַרבן און קלאַנגען אַ ניגון,
וואָס וועט באַרואיקן, פאַרוויגן?

„און אפשר גאָר פירט אין ערגעץ נישט דער טונעל —
דו גייסט אַריין — און ס׳כאַפּט דיך אַרום שנעל
פינצטערניש און טוכלע לופט; אַנשטאָט אַ דורכגאַנג
צו זוניקע פליינען — אַ הייל אָן אויסגאַנג.
נישטאָ פאַראויס קיין פייערזייל,
וואָס זאָל באַלייכטן די הייל,
און אַ וועג צוריק — אוודאי נישט,
ווען אַלע שפּורן זענען פאַרווישט
אין דעם לאַבירינט דעם אומגעריכטן,
אין דעם חושך אומהיימלעך־געדיכטן.

„ניין, דו שטייסט נישט ביי דער שוועל
פון סתם אַ פּאַסאַזש־טונעל
(דאָס איז געווען דיין וועג דאָ אַהער —
אַ דורכגאַנג, אי לייכט, אי שווער);
דו שטייסט פאַר אַן ענדסטאַנציע מיט אומענדלעכע
פראַגעס, מחשבות — און איין ענטפער שענדלעכן;
גייער, ס׳איז נישט קיין קאַטאַוועס —
דו גייסט אין דעם גיא־צלמות״.

אַמו־טאַבו, דער קאַניבאַל

אמו־טאַבו, דער מאָנסטער־אַף,
איז דער ערגסטער פֿון באַשאַף.
אַ פּאַיאַץ אַ מיאוסער פֿון לאַנד ניגער,
מיט טיש־מאַנירן פֿון אַ טיגער,
אַ קאַניבאַל, אַ בלוטדורשטיק־ווילדער,
דער קערפּער אויסטאַטואירט מיט בילדער,
באַדעקט מיט גלאַנציקע בלעטלעך, גלעזער,
כּישוף־טאַליסמאַנען און הייל־גרעזער —
איז געוואָרן הויפּטלינג פֿון דעם ווילד־שטאַם
מיט דער הילף פֿון מעסער, פֿייל און סם. —
האָט דער באַרבאַר־קאַניבאַל
געפּראַוועט אַ פֿעסטיוואַל
צוליב דעם געוואונענעם 'קריג'
און געפֿייערט דעם גרויסן זיג
מיט פֿיל קונצן פֿון אַן אָראַנג־אוטאַנג
און זיך געגעבן דעם העכסטן ראַנג:
„דער גרעסטער פֿון אַלע מאַיעסטעטן"
און דעם „גרויסן אָרדן
פֿון די מאַסן־מאָרדן". —
פֿון דער פּיראַמידע פֿון סקעלעטן
דער אַרכיטעקט אַנגעהויבן פּילן
האָט, אַז די שאַקאַלן, קראָקאָדילן,
די היענעס און די פֿייגל פֿון רויב
פֿאַרשפּרייטן אומעטום זיין רום און לויב.
„מען דאַרף דאָס אויך וויסן אין ווייטע לענדער" —
האָט געטראַכט אַמו־טאַבו, דער מערדער ,שענדער,
און צו אַ מיטינג פֿון שבֿטים־פֿאַרבאַנד
איז ער געפֿאָרן ווי דער ראש פֿון לאַנד.

מיט אַ ראָק באַהאָנגען מיט מעדאַלן
פון די וואָס זענען אין קאַמף געפאַלן,
און מיט געפּעלשטע אויסצייכענונגען
פאַר זיינע גאָר־גרויסע דערגרייכונגען,
איז אַמר־טאַבו, דער גרויסער העלד,
דערשינען פאַרן כינוס פון דער וועלט
און האָט פאַרלאַנגט איין לאַנד צו צעשטערן
אין נאָמען פון יושר און פון ערע.
און ער האָט נישט פאַרגעסן צו מעלדן,
ווען דעם „גרעסטן" פון זיינע „העלדן",
דעם נחש הצפוני,
דעם סופער־צפעוני —
אַז ער שטעלט פאַר אים אַ מאָנומענט,
ווייל ר'האָט אומצייליקע פאַרסמט, פאַרברענט.

דאָ האָט שוין געפלאַצט דאָס געדולד
ביי אַ צוהערער: „ס'איז אַלעמענס שולד,
באַזונדערס פון די שבטים פון 'טאָטעם'
און 'וואודו', וואָס דיין אומרייַנער אָטעם
קאָן פאַרפעסטן די לופט, קאַניבאַל קויטיקער,
'פּראפעט' פון אייבער־ראַסע טונקל־הויטיקער".

דער גאָסן־בעזעם און דער שטובן־בעזעם

אַ גאַסן־בעזעם צו אַ שטובן־באַרשט
האָט געזאָגט: „אַ גרויסע אומגלייכקייט הערשט
ביי אונדז! מיר זענען ביידע רייניקער,
אָבער דו ביסט פֿאַרשמוצט פֿיל ווייניקער
ווי איך. לאַ־די וואָס איך אַרבעט שווערער
מוז איך נאָך זיין דער אומריינער קערער!"

די שטובן־באַרשט דעם קערער פֿון די גאַסן
האָט געזאָגט: „גיב נאָר אַ טראַכט געלאַסן,
וועסטו קענען אונטערשיידן
דעם חילוק צווישן אונדז ביידן:
איך קער אויס עטלעכע שטובן אין הויז —
אינגאַנצן אַ ביסל זאַמד און שטויב בלויז.

„מיט דיר איז אַן אַנדערע געשיכטע,
דו קערסט אין גאַסן בלאָטעס געדיכטע;
דו האַלטסט אין איין רייניקן און פּוצן
דעם מאַרק פֿון אַלערליי אָפּפֿאַל, שמוצן,
אָבער וואָס מער ריינער, שענער די גאַס,
אַלץ מער ווערסטו שמוציק, בלאָטיק און נאַס.
דו דאַרפֿסט זיך דעריבער צו מיר נישט גלייכן —
דו וועסט מיין מערכה נישט דערגרייכן".

דער היפּאָפּאָטאַם און די גאַזעל

דער היפּאָפּאָטאַם ביים טייך
האָט באַמערקט אַ גאַזעל
און זי, אָן שהיות, גלייך
פאַרטשעפּעט אויף דער שטעל:

— „נישט געהערט, מן הסתם,
פון דעם היפּאָפּאָטאַם,
דעם ריזיקן טייך־פערד,
וואָס קיניגט אויף דער ערד?
כ׳זע, דו קוקסט מיט ביטול
אויף מיין קיניג־טיטול
און שטאָלצירסט, אַנטילאָפּ,
מיט דיין ׳באַחנטן׳ קאָפּ,
דיינע אויגן ווייכע,
קאָליר־ליניעס רייכע,
אַ קערפּער — שיין געבויט
און סאַמעטענע הויט:
פּוסטע זאַכן, אָן באַטייט —
נישט צו גאָט, נישט צו לייט!
די חיות די צאַרטע —
אַ מיגל; בלויז האַרטע
הויט, אַ פּיסק אַ פעסטער —
דער ריכטיקער מעסטער
פון אמתדיקן ווערט
אין וואַסער און אויף ערד.
דערצו מיין פאַרנעם, וואָג —
זעסטו נישט וואָס איך פאַרמאָג?!“

ענטפערט אים די גאַזעל:
— „דו גרויסט זיך מיט דיין פעל
און לייב גראָבן, דו כאַם,
ווילדער היפּאָפּאָטאַם!
ס'איז גאָר אַ גרויסע קלאָג
צו דיין 'פּאַרנעס' און וואָג —
שם מוז זיך גאָר שעמען
מיט חמ'ס 'פאַרנעמען'!"

* * *

קאָן עפּעס וואָס איז געמיין
אָפּשאַצן גראַציע, חן?
מען מוז אין זיך האָבן
אַליין פיינע גאָבן,
עס זאָלן געפעלן
עמעצן גאַזעלן.

די קרעטשמע און די אורחים

אין אַ קרעטשמע, אויף אַ פאַרוואָרפענעם פּליין,
זענען אַמאָל צוויי אורחים אָנגעקומען
און האָבן דאָרט אַ שטיק צייט געמוזט איינשטיין,
ביז זיי וועלן צום ציל אָפּפאָרן קענען.

איז דאָס אַ קרעטשמע אַ גאָר־מאָדנע געווען,
ווי אַן אַלטער שלאָס מיט רוחות און לצים;
אין שטענדיקער שרעק, ס׳זאָל עפּעס נישט געשען,
איז געווען דער גאַסט — ווינד־און־ווי צו אים!

אַ האַלבע קרעטשמע איז געווען טונקל, ענג,
די צווייטע העלפט — זייער רחבותדיק, זוניק,
און פאַר אַלע די געפאַר — געהיימע גענג,
וואו יעדער האָט געקענט ברעכן ס׳געניק.

מאָדנע איז געווען דער קרעטשמער, און די געסט —
איינער אויפ׳ן צווייטן האָט געקוקט מיט פאַרדאַכט;
איינער עסט „שהי־פּהי״, אַ צווייטער זויפט און פרעסט;
איינער אין טיפן טרויער — אַ צווייטער לאַכט.

ביזאַר זענען אויך געווען דאָס וועטער, די געגנט:
אָט איז דער הימל ליכטיק־בלוי און לויטער,
און אָט בושעווען שטורעמס און עס רעגנט;
צי גאָר — אין שניי־קלייד פאַרהילטע ווי טויטע.

„מען מוז אַ שטיקל אָרדנונג איינפירן״, —
האָט געטענהט פּייוול, דער ערשטער אורח, —
„די גענג פאַרבעסערן, דאָס הויז באַצירן,
אַז יעדער זאָל דאָ קענען געניסן גלייך״.

תנחום, דער צווייטער אורח, האָט מיט באַדויער
געזאָגט : „אפילו דער קרעטשמער זאָל באַשטיין
אויפן רעמאָנט — בלייבן רוחות און טרויער;
לצים וועלן לאַכן אַ פאַרקערט געוויין.

„און ווער וועט ענדערן דעם קלימאַט ווילדן,
דאָס וועטער, וואָס וואַרפט זיך ווי אין קדחת ?
איינשטעלן אַ סדר אַ לייטיש־מילדן
אין קרעטשמע, וואו דער גאַסטווירט איז — „להכעיס“ ?

„סיי ווי זענען מיר, און די געסט אַנדערע,
אין דער קרעטשמע אויף אַ גאַנץ קורצער צייט בלויז :
וואו איז געהערט געוואָרן, אַז וואַנדערער
זאָלן באַלעבאַטעווען אין אַ גאַסטהויז ?“

❀

די ווילדעניש־בלום און די שטאָט־בלום

אויף אַ פעלד, פון אַ יישוב ווייט,
גאָר אָפּגעזונדערט אין אַ זייט,
אין אַ ווילדעניש־מיליע
איז אויסגעוואַקסן אַ ליליע.

איז אַ שענערע אידיליע
פאַראַן, ווי אַ ווייסע ליליע,
וואָס אַרומגערינגלט פון „אור"
איז, פון אומבאַפלעקטער נאַטור ?

דאָך האָט די ליליע געליטן,
וואָס פון אירע שיינע בליטן
און פון איר אַראָמאַט זיסן
טוט קיין איין מענטש נישט געניסן.

און איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען
פון בענקשאַפטן און פאַרלאַנגען,
אַז אירע ריחות און פאַרבן
זאָלן נישט נוצלאָז פאַרדאַרבן.

. . . האָט אויף אַ שטאָטסקווער, צווישן רויך,
ווי פאַרפעסטעטער אָטעמהויך,
געררודער און אַ בלייהימל,
געקרענקט אַ נעגעלע־בלימל.

פאַרוואָס האָט דאָס בלימל געקרענקט ?
— עס האָט צו דער שטילקייט געבענקט,

צו ריינע לאַנדשאַפטן און לופט —
לויטערע ווי איר בשמים־דופט.

אַנטציקטע, באַוואונדערט האָבן
מענטשן די גאַר־שיינע גאבן
פון דעם איידל־ראָזן בלימל —
ס׳האָט געצאַנקט אין דעם געווימל.

* * *

טייל שיינע ליליעס און נעלקן
פון גרויסער איינזאַמקייט וועלקן;
אַנדערע וויאַנען אין טומל,
וואָס צעפרעסט זיי ווי אַ שימל.

דער קאַלטער קאַנטאָר

איז געווען אין שטאָט אַ גרויסער קאַנטאָר,
אין דער גאַנצער געגנט אַ באַקאַנטער,
וואָס האָט פאַרכישופט מענטשן מיט זיין קול,
סיי אין דער שול, סיי אין מוזיק־האָל.

ווען ס'האָט דער גרויסער קאַנטאָר געזונגען —
זילבערנע גלעקער האָבן זיך צעקלונגען
און דער עולם האָט „געלעקט די פינגער";
ס'זענען אָבער געווען „בייזע צינגער",
וואָס האָבן געהאַלטן, אַז עס איז קאַלט
דעם באַרימטן קאַנטאָרס זילבערנער „אַלט":
„און ווי קען דען דערוואַרעמען זיין טאָן,
אַז דעם קאַנטאָר אַליין גייט גאָרנישט אָן?

„פאָרט, עפּעס גייט אים יאָ אָן, מן הסתם —
זיין „עגאָ", וואָס זאַפּט איין ווי אַ שוואָם
אַלץ וואָס איז ניצלעך פאַר זיין „פּאַרשוין" —
ער וואַרט נאָך בלויז אויף דער נגינה־קרוין.

„ער איז געלערנט, געשולט
אין אויפלאָזן דעם איך־קולט:
דאָס טוט ער מיט פלייס תמיד,
אי אין שטוב, איביים עמוד.

„און וואָס קען מען דערוואַרטן פון אַ זינגער,
וואָס אַלץ איגנאָרירט ער, אַלץ נעמט גרינג ער,
אחוץ זיך אַליין און זיין כלי־נגינה,
און וואָס קוקט צו זיך אַרויף מיט אַ מינע

פון פּאַרערונג: געצן צעשמעטערן
דאַרף מען אַלע; בלויז אים — פּאַרגעטערן".

אַ טייל האָבן געזען אין זיין געזאַנג
די זעלבע טריקן, ווי אין זיין גאַנג:
„עס האַלט שטענדיק פון זיך אין איין בלאָזן
דער אייגן־פּאַרליבטער קאַנטאָר־חזן,
ווייל מען קען בלויז פון אַ רער אַ הוילער
טרומייטערן; פּאַר דעם האָט אַ מויל ער.
ער איז טאַקע אַ קינסטלער פון עמוד,
אָבער ער איז, נעבעך, קינסטלעך תמיד".

❀

דערווייסער בער, די הירשן און דער בופלאָקס

האָט געמאָלדן אין טונדרע דער ווייסער בער,
אַז אָנפֿאַלן און פֿאַרצוקן ער וועט נישט מער:
זאָלן הירשן נישט מאַכן קיין גערודער
און פּאַניק; זיי האָבן אין אים אַ ברודער,
אַ באַשיצער און באַפרייער אַ מילדן
פֿון דעם יאָך פֿון דעם בופלאָקס דעםווילדן.

ווען ס'האָבן געהערט וועגן דעם באַפרייער
די הירשן, זענען זיי ווי פֿון אַ פֿייער
אַנטלאָפֿן, געדענקענדיק אַז אויסגעבעט
איז די טונדרע מיטן געביין און סקעלעט
פֿון די באַפרייטע ברידער, די קרבנות
פֿון דעם בער, וואָס שווערט אויף נאמנות,
אַז באַפרייען די הירשן — דאָס איז זיין ציל
און צעשטערן טיראַניע — אַלץ וואָס ער וויל.

האָט געטענהט דער בופלאָקס: „אַוודאי", —
צו דעם בער, וואָס האָט נאָכגעיאָגט די סטאַדע,
זי צו באַפרייען, — „מען מוז נישט אויף ווייטע
שטרעקעס זען די ביינער פֿון די באַפרייטע,
כדי צו וויסן וועגן וואָס, אייגנטלעך, דאָ גייט
(אַ קלאָרע זאַך, וואָס יעדער איינער פֿאַרשטייט):
אויב די הירשן פֿון דיר, זייער באַפרייער —
ווען זיי זענען אַזוי ליב און טייער
אין אַזאַ גרויסער פּאַניק גאַלאָפּירן —
אַ סימן: טויט־ריח אין דיר זיי שפּירן".

די פלאָטקעס, סאַרדינען און הערינג

קליינוואַרג — הערינג, פלאָטקעס און סאַרדינען
זענען געשוואומען אַהער און אַהין
פריי אין ים: וואַלפישן, דעלפינען
זענען מער נישט געווען צו געפינען;
אויך נישט קיין הייפישן — די ים־טיגערס,
אָדער אַנדערע ריזיקע קריגערס.

„גרעסערע פון אונדז — נישט צו געפינען!"
טענהן די פלאָטקעס צו די סאַרדינען.
„ווער וועט דען פירן קעגן אונדז אַ שלאַכט?
ס'איז קלאָר: מיר זענען אַ שטאַרקע מאַכט!"

„יאָ, איר, פלאָטקעס, זענט שוין איינמאָל אַ מאַכט!"
האָבן די הערינג זיך ביטער צעלאַכט:
ס'זענען אַוועק די גאָר־גרויסע פיש —
פירט איר, קאָמישע ליליפוטן, 'טיש';
איר זענט גאָר גרויסע העלדן און פעכטער —
ס'איז נישט געבליבן קיין פיש קיין עכטער".

דער פריץ־סמאַראַוואָז און דער פערדיונג

איינער אַ פריץ, אַ גרויסער ״שוויצער״,
אַ באַרימער און אויך אַן אויסניצער,
האָט זיך געגרייסט מיט זיינע קאַרעטן
און פערד, און כסדר אין געוועטן
געשפּילט. ר׳האָט געטריבן די סוסים, אויך
דעם פערדיונג: „טרייב, ס׳זאָל גיין אַ רויך!״

ווען די פערד האָבן אַריבעריאָגן
די אַנדערע נישט געקענט, באַקלאָגן
פלעגט זיך דאָס פריצל: „דאָס איז דערפאַר,
ווייל ס׳שמירט נישט די קאָטש דער פערדיונג־נאַר!
מען דאַרף מער די רעדער, בוקסן שמירן —
וועלן די פערדלעך פון אָרט זיך רירן״.

האָט דער פערדיונג געענטפערט מיט פאַרדראָס
דעם ״שוויצערישן״ באַלעבאָס:
„זאָל איך אפשר די פערד פאַרמאַטערן
צום טויט און אַלץ מיטאַנאַנד פטרן,
אַז אייער קיניגלעכע קאַרעטע
די ערשטע אָנקומען צו דער מעטע
זאָל? דאַרף איך דען כסדר זיך פּלאָגן —
שמירן פון אייער רעקלאַמע־וואָגן
די רעדער, די בוקסן און די אַקסן,
כדי אייער וואוכער־רום זאָל וואַקסן —
אַ ריזן־פּראָצענט פון אַ קליין־קרן —
אַלץ — אייער כבוד־מאַניע צו נערן?
שמירט איר דען אַליין נישט די רעדער
ביי יעדן אָפּשטעל, אויף סטאַנציע יעדער?
וויפיל איר זאָלט די פערד, נעבעך, נישט יאָגן,

און וויפֿיל איר זאָלט נאָר מיך נישט פּלאָגן,
די רעדער שמירן און ווידער שמירן,
וועט איר זיי ב׳גראַנדע נישט דערפֿירן
צום ווייטן ציל, וואָס איר האָט זיך געשטעלט:
אייערע פֿערד — נישט די פֿלינקסטע אין דער וועלט״.

האָט מען דעם פֿערדיונג פֿון גיט פֿאַרטריבן
און ער איז לאַנג אָן אַרבעט געבליבן;
אָבער מיט אַן ׳אַראָפּגעלאָזטער נאָז׳
איז שוין פֿאַרבליבן דער פּריץ־סמאַראָוואָז.

די אויסגעצייכנטע נישט־קעמפּערס

איז געווען אַמאָל אַ רעגירונג אין אַ לאַנד,
וואָס האָט געהאַלטן נאָר פון שלום — אפילו אין שאַנד
און קאַפּיטולאַציע: „ס׳איז **אַלץ** בעסער נאָך
פון מילחמות — אפילו דער טיראַנען־יאָך״.

האָבן מורא געהאַט די קאַפּיטולאַנטן,
אַז היצקעפּ וועלן נאָך קעגן אָקופּאַנטן
קעמפן; זענען זיי אויף אַ גוטן פּלאַן
געפאַלן, ווי אַזוי קעגן יעדן טיראַן
ווידערשטאַנד צו פאַרמיידן: מען וועט באַערן
יעדן איינעם וואָס וועט נאָר נישט קעמפן שווערן.
די נישט־קעמפּערס וועלן מעדאַלן, אָרדנס קריגן
ווי פאַר גאָר גרויסע העלדישקייטן, זיגן.

האָט מען צו באַמעדאַלעוועט אָנגעהויבן,
צו באַאָרדענען מיט די העכסטע לויבן
פאַר נישט גיין אין קאַמף און פאַר עפנטלעך מעלדן:
„בלויז די וואָס גיבן זיך אונטער זענען העלדן״.

ווער וועט שוין טראַכטן
פון פירן שלאַכטן,
ווען נישט־קאַמף, נישט־זיג ווערט פון פאַראויס באַלוינט
און די נישט־קעמפּערס ווערן ווי העלדן געקרוינט?

יעדער נישט־קריגער
האָט ווי אַ זיגער
פּאַראַדירט,
אויסגעצירט
מיט דעם העלד־מעדאַל,

דעם שטיקל מעטאַל,
וואָס האָט זעעוודיקע פּאַרבלענדט
און פּאַראַליזירט ריינע הענט.
נאָך וואָס דאַרף מען זיך קריגן,
אַז מען וועט דעם לוין קריגן
צוזאַמען מיט די גאָר העכסטע לויבן
פּאַר אויספירן דעם באַפעל פון אויבן:
„זיץ רואיק, בלייב שטיל —
דאָס איז אונדזער ציל“.

האָט מען אָט דעם באַפעל
אויסגעפאָלגט אויף דער שטעל:
נישט בלויז אויסגעמיטן יעדן קאַמף,
נאָר געשוויגן, ווי ס׳וואָלט אַ קעל־קראַמף
געשטיקט יעדן איינעם
מעדאַל־קריגער פיינעם.
זענען געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג — ווינד־און־ווײ —
די מעדאַלן־דיוויזיעס, די אָרדנס־אַרמײ:
די מדינה איז דערפירט געוואָרן צום ראַנד
פון פחדנות, טיפער געפאַלנקייט און שאַנד.

❀

לעאָ I און דער חיות־טריאומוויראַט

לעאָ I, דעם חיות־מלך, איז איין מאָל
גאָר נמאס געוואָרן דאָס קיניגעריי;
האָט ער מכריז־געווען מיט זיין בריל־געשריי,
אַז אַלע זאָלן זיך פאַרזאַמלען אין טאָל,
וואו ער האָט פייערלעך אבדיקירט פון טראָן:
„גענוג רעגירט; מען דאַרף עפעס פאַר זיך טאָן!“

זענען געווען גאָר אַ סך קאַנדידאַטן,
נאָר עס האָט דער מיטינג קיין רעזולטאַטן
נישט געבּרענגט: ווער מיר וואַל, וואָס מיר פלאַטפאָרמע?
אַז איינער רודפט דעם צווייטן עד חרמה!

האָט מען גאָר פון דעם ערגסטן חיות־פעבל
(למשל, ווי אַ פירער — דעם „פעלדפעבל“)
באַשטימט אַ שפּאָגל־נייע היעראַרכיע,
אויפן אָרט פון לייב דעם ערשטנס מאָנאַרכיע,
און נאָמינירט פשוט אַ טריאומוויראַט,
אין באַשטאַנד פון — היענע, שאַקאַל און קראָט.

האָבן זיי זיך תיכף געזעצט אויבנאָן
אויפן דערהויבענעם קאָלעקטיוון טראָן
און אָנגעהויבן משפטן ס׳געזינדל,
וואָס איז געזונקען אין מאָרד, רויב און שווינדל:
— „דאָס איז אינגאַנצן געהאַנדלט אומעטיש!“
— „דאָס איז דאָך גאָר מעשה־נבלה, אומעסטעטיש!“
— „אַזאַ טואונג איז דאָך אַ געוויסן־פלעק
און ס׳דאַרף שנעל צו דעם געמאַכט ווערן אַן עק!“

און אַזוי האָבן די דריי פוריטאַנער
שטרענג געמשפּט זייערע „אונטערטאַנער״
און מיט דער מוסר־רוט רק זיי געשמיסן
און גערייניקט זיי אין באָד פון געוויסן.

* * *

איז דען נאָך אַזאַ קאָמעדיע גאָר פאַראַן,
ווי די נבלה־פּרעסער אויפן „שיין״־טראָן
און ווי די קאַנאַלן־טריאומווירן,
וואָס שפּילן די ראָל פון אַריסטאָקראַטן ?

דאָס אָפּפאַל־בערגל און דער באַרג

אַ בערגל פון זאַמד, אָפּפאַל און בראָכוואַרג
האָט פּראָקלאַמירט מיט שטאָלץ: „איך בין דער באַרג —
אַ דערהויבענער, נישט בלויז אין דער צייט,
נאָר אויך אין דער גאָר־ווייטער אייביקייט.

„ווער קען זיך צו מיר גלייכן
און מיין הויכקייט דערגרייכן?
בלויז רום און כבוד זענען מיר באַשערט
און ס'איז פול מיט מיין לויב די גאַנצע ערד".

פונדערווייטנס אַ ריזנבאַרג געלאַכט
האָט, ווי אַ דונערשטורעם וואָלט געקראַכט:
„זאַמד און אָפּפאַל און בראָכוואַרג — דערהויבן?
די נישטיקע מיסט־בערגלעך — און רום, לויבן?
אָבער גראָד זיי זענען גלייביק,
אַז זיי וועלן לעבן אייביק.
ווי נעבעכדיק — די גרויסע פּרעטענזיעס
פון דער זאַמדקופּעס „אייביק"־דימענסיעס!
דער ווינט וועט זי צעשטויבן,
צעבלאָזן מיט אירע לויבן,
און פון איר און אירס גלייכן
וועט נישט בלייבן קיין צייכן".

די בלום אין דעם מיסטעמער

אַ בלום האָט איין מאָל (ווי אַזוי — איז נישט באַוואוסט)
זיך געפֿונען אין אַן עמער אָנגעפּילט מיט מיסט.
האָט געפּרואווט די פיינע, אַראָמאַטישע בלום
פֿאַרשפּרייטן איר גוטן ריח אויף דעם אַרום,
איז אָבער געווען שטאַרקער דער „דופֿט" פון אָפּפֿאַל
און כל דאלים גבר — דאָס איז אַן אַלטער כלל:
דער מיסטעמער מיט זיין פוילנדיקן „פּאַרפום"
האָט גובר־געווען דעם אַראָמאַט פון דער בלום.

מאָדנע: טייל תמימים האָבן געהאָפּט, אַז דאָס מיסט
וועט גאָר גוט שמעקן; די האָפֿענונג איז אומזיסט
געווען: נישט בלויז האָט מען דעם עמער „געהערט" ווייט —
ס׳האָט אויך איבערגענומען זיין ריח די קווייט.

* * *

עס ווערט מוטנע און בלאָטיק אין אַ זומפּ אַ קוואַל,
אַזוי אויך אַ בלום, וואָס פֿאַלט אַריין אין אָפּפֿאַל:
אין דער מיאוסקייט ווערט אַ תל פון דער שיינקייט;
אין מיטן שמוץ ווערט אויך פֿאַרשמוציקט די ריינקייט.

דער קאַטערינשטשיק
און דער קאַפּעל־מייסטער

האָט געוואַנדערט פון יאַריד צו יאַריד
אַ קאַטערינשטשיק, און געשפּילט אַ ליד;
אויך זיין פּאַפּוגיי האָט אויסגעפירט „שטיק"
אין אַ מאַסן־קאָנצערט פון „פּאָפּ־מוזיק".

איז אים גאָר אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק,
וואָס האָט אים געמאַכט פאַרצווייפלט און קראַנק:
„נישט בלויז קריג איך נישט קיין ערן־טיטול —
מען קוקט אפילו אויף מיר מיט ביטול!"

איז געקומען מיט אַ טענות־רייסטער
דער קאַטערינשטשיק צום קאַפּעל־מייסטער
פון „פילהאַרמאָניע": „איך בין ביים פאָלק
באַליבט און מיין מוזיק האָט אַ סך דערפאָלג.

„מיין אוידיענץ — נישט אין לאָזשעס, אויף שטולן,
אָבער איך דאַרף פּאַרט קריגן די טיטולן:
'מאַעסטראָ', 'ווירטואָזאָ'; כ'שפּיל פּערפעקט
און מיין מוזיק האָט אַ שטאַרקן עפעקט.

„איך האַלט הויך און געטריי דעם קונסטפאַקל
דורך מיין גרויסן יאַרידן־ספּעקטאַקל;
נו, דאַרף איך קריגן אַן ערן־צייכן
ווי אַ קינסטלער־שפּילער אַן אַ גלייכן".

ווען דער קאַפּעל־מייסטער אויסגעהערט האָט
די טענות, האָט ער געענטפערט מיט שפּאָט:

„'מאַעסטראָ', דו ביסט פּשוט משוגע,
אויב דו פּרעטענדירסט, מיט דיין פּאַפּוגע
און מוזיק־קאַסטן דעם וואולגאַרן,
אויך מענטשן מיט געשמאַק צו גענאַרן.

„אומזיסט גרייססטו זיך: ס'איז דיין ספּעקטאַקל
אַ וויסטער באַלאַגאַן אין סך־הכל.
דו פּאַרדינסט מיט דיין 'מוזיק'־האַק־און־פּאַק
אַן אטעסטאַט — פון סאַמע ערגסטן געשמאַק".

❀

דער אָרדן פון דעם קנאָבל־האַלדזבאַנד

ביי אַ שבט אַ ווילדן אין אַ וויטן לאַנד
פלעגט מען אויסצייכענען מיט אַ קנאָבל־האַלדזבאַנד
די פלינקסטע קאָפּיעגערס און די זנאַכער־היילערס,
ריטועלע טענצערס, זינגערס און פּאַרוויילערס.

נו, קלאָר, מען האָט געלעכצט צום האַלדזבאַנד פון קנאָבל —
דעם בעסטן סימן — מען איז דערהויבן־נאָבל:
זענען געווען פיל בעלנים צום איידל־סימבאָל
צווישן די זנאַכערס און טענצערס מיטן צימבל.

טייל בעלנים האָבן נישט געקאַרגט קיין מיטל,
אבי צו קריגן דעם הייפּטלעך־קנאָבל־טיטל:
אויף געהיימע וועגן צום קאַציק געגאַנגען,
געדרייט און גליטשיק געקראָכן ווי שלאַנגען,
אָנגעוואַנדן יעדן מעגלעכן טריק,
כדי צו דערגרייכן דאָס זעלטן־גרויסע גליק —
אויסגעוויילט צו ווערן דורך דעם מכשפים־ראָט
ווי דעם ווילד־שבטס קנאָבל־האַלדזבאַנד־לאַורעאַט.

דעם קאַציקס ראַטלייט האָבן נישט געקענט שרייבן,
האָבן זיי די בילדער פון די וואָס בלייבן —
מיט די „הייפּטלעך“, די פון אַלעמען פּאַרערטע
און פון יעדן איינעם צום־טיפּסטן באַגערטע —
אין דעם קנאָבל־פּאַנטעאָן, אין זייערע היילן
אָנגעצייכנט, כדי עס זאָלן דערציילן
קענען וועגן דער רומפולער קנאָבל־גילדע
די קינדער און אייניקלעך פון די ווילדע.

ס'איז אויך נישט קיין גרויסער סוד געבליבן,
ווער ס'האָט זיך „געגרייט", „געפּאַרעט" און „געקליבן" —
און איז נעבעך פֿאַרבליבן אייביק פֿאַראַבלט:
מ'האָט אים נישט מיטן קנאָבל־אָרדן גענאַבלט.

איינער, אַ לץ פֿון די ווילדע שבט־האָרדן,
האָט געלאַכט פֿון טומל מיטן קנאָבל־אָרדן,
פֿון די וואָס האָבן, נעבעך, נישט דערגרייכט, און אויך
די וואָס האָבן זיך דערנידריקט — צו גרייכן הויך:

— „אוודאי, ס'לוינט זיך טאַקע צוליב דעם האַלדזבאַנד
צו ווערן חוכא־וטלולא צו שפּאָט און שאַנד!
מען קען נאָך אויסשטיין פֿון דעם ריח פֿאַרקנאָבלטן —
ווער קען אויסהאַלטן — אויך פֿון דעם פֿאַרנאָבלטן?!"

❀

דער הויז־אייגנטימער און די לאַקאַטאָרן

האָט באַשלאָסן דער באַזיצער פון אַן אַלט הויז —
איינלייגן די געביידע; די מענטשן־אַרויס:
„איינגעזונקען אין זומפּ איז דאָך דער פונדאַמענט
און צו ביסלעך אונטערגעפוילט זענען די ווענט.
מען מוז דאָך אַ לייטישן געמאַך צוגרייטן
פאַר די נייע מענטשן און נייע צייטן:
די קומענדיקע דורות וועלן אונדז נישט שענקען,
אויב מיר וועלן אין זיי אין גאַנצן נישט געדענקען".

האָט ער אַ צייטווייליקע דירה אויפגעשטעלט,
עלעהיי — פאַר נאָמאַדן וויסטע אַ געצעלט.
אין דעם „הקדש" געווינטערט די לאַקאַטאָרן
האָבן, דערוואָרעמטע בלויז פון זייער צאָרן
אויף דעם באַזיצער, וואָס וויל דורות פאַרזאָרגן
און פאַרבויט די הײנטן אין דער מויער פון „מאָרגן".

„מען מוז דאָך זיין פאַרדאָרבן אין אַ גרויסער מאָס !"
האָט אַ לאַקאַטאָר געשריגן צום באַלעבאָס;
„מען דאַרף האָבן דאָס מיטגעפיל פון אַן עקדיש,
כדי צו האַלטן אַן עולם אין דעם „הקדש" —
ווער ווייסט דען ווי לאַנג ? — און דעם איצט אַוועקבאָרגן
און צו קריגן פון „קרן" פּראָצענטער — מאָרגן.
„מאָרגן — זאָגסטו כסדר — וועט פאַרטיק ווערן

דאָס הויז, וואָס איז צעמענטירט מיט ליידן און טרערן;
און ווען מיר זאָלן שוין דערלעבן דעם מאָרגן —
ווער ווייסט צי ס'וועלן נישט זיין ערגערע זאָרגן:
אומזיסט און אומנישט צו האָבן זיך געמאַטערט
און די צייט — דעם היינט מיטן מאָרגן — צעפּטרט,
צו בויען אַ ניי הויז אויף אַ זומפּ אַן אַלטן —
אַ בנין אַ גרוי־פאַרשימלטן און קאַלטן".

דער געקעכטס־פּאַרזוכער און די קוכערס

אין אַ גרויסן רעסטאָראַן אַן אויבער־קוכער
איז געווען, אַ קאָנטראָלירער און פּאַרזוכער.
און אַזוי ווי ער האָט רק געוואָלט באַווייזן
זיין קענטשאַפט, האָט ער זיך געקרומט אויף די שפּייזן
און דעם קוכער־פּערסאָנאַל, אַזוי און אַזוי :

„די זופּן זענען איבלדיק, דאָס פלייש איז רוי
און געשמאַקלאָז, די לאָקשן זענען דאָך גאָר ווי טייג;
זויער איז דער קאָמפּאָט און פאַרפוילט דאָס גרינצייג.
אין גאַנצן געזינדל איז נישטאָ עפּעס רעכטס —
נישטאָ ווער ס'זאָל געבן אַ גוט ביסל געקעכטס".

די קוכערס האָבן דאָס געהערט און געשוויגן,
אַראָפּגעשלונגען די זילזולים, די ליגנס.
בלויז איין קוכער, אַ יונגערמאַן גאָר אַ דרייסטער
האָט מיט ווערדע געענטפערט דעם קוכער־מייסטער :
„הער אויבער, איר האַלט אין איין זיפצן און קרעכצן
איבער אונדז קוכערס און אונדזערע געקעכצן;
איר קרומט זיך און גיט אונדז נישט קיין רו :
נו, אדרבה, באַווייזט טאַקע אייער אויפטו !"

. . . אַז אַ „שעף" זאָל דאָס נישט טאָן — איז דאָך נישט שייך,
האָט ער אַן עסן — אַן טעם און אַן ריח —
אָפּגעקאָכט. נו, האָט איצט שוין דאָס גאַנצע געזינד
געזען די אויפטוען פון דעם שעף, אַז ווי־און־ווינד !

„איר האָט אַרייַנגעגעבן אין דעם געקעכץ אַלץ,
באַזונדערס האָט איר נישט געזשאַלעוועט קיין שמאַלץ,
אָבער וואָס איז שוין פון דעם אַרויסגעקומען ? —
מאכלים, וואָס מען קען נישט נעמען צום גומען.
איר דאַרפט, לכן, אויף אונדז נישט דרייען מיט דער נאָז,
ווען אייער געקעכץ האָט דעם געשמאַק פון גראָז״.

❀

דער הונט און דאָס שטעכל־חזירל

האָט געטענהט צום שטעכל־חזירל דער הונט:
„וואָס עפּעס אין אַ נאָדלען־פּעלץ? כ'זע נישט קיין גרונד
פאַר אַזאַ מאָדנער טראַכט; און ס'איז באַוואוסט, פּאַקטיש,
אַז שטעכיקע אויסערלעכקייט איז נישט טאַקטיש.
חיות מוזן נישט כסדר זיין אויסגעצירט,
אָבער מען דאַרף האָבן אַ פעל — גלאַטיק־פּאָלירט.
זיי וויסן: ס'איז נישט ווערדיק זיך אָנצודראָדלען
און רק ארויסצושטעלן די שפּיזן־נאָדלען".

דאָס שטעכל־חזירל האָט אַ ביטולדיקן בליק
געוואָרפן אויפן הונט: „נו, פּראָווע נישט קיין שטיק!
ווער עס רעדט אין ווילדן וואַלד וועגן עטיקעט,
שטעלט זיך אויס אויף לייטישן געשפּעט:
ווען עס לויערט אויף עמעצן אַ וועלף־באַנדע,
איז אוודאי קיין היטמיטל נישט קיין שאַנדע;
ווען מען געפינט זיך צווישן דעם הוילנדיקן ווילד,
מוז מען זיך שיצן — זאָל זיין מיט אַ שטעכלשילד".

די מוקן און דער אָדלער

צוויי „פּאַסאַזשירן“ אויף אַן אָדלערס רוקן
האָבן זיך באַזעצט ביי זיין פליען — מוקן,
וואָס האָבן געזשומעט אַלץ דרייסטער און פרעכער:
„מיר זענען פון דעם העכסטן פליער העכער!“

און אין דער צייט וואָס זיי זענען „געפלויגן“,
האָבן זיי זיין בלוט צוביסלעך געזויגן,
און טריאומפירט: „מיר זענען שטאַרקער, דעריבער
באַאַרבעטן מיר דעם לופט־גיבור“.

האָט געענטפערט דער אָדלער: „קיין גוטע זיטן
קאָן מען נישט דערוואַרטן פון פּאַראַזיטן;
הוליעט אַזוי לאַנג ווי איך האַלט אין פליען —
איר וועט כאַפּן אַ פּסק נאָך דער נסיעה“.

* * *

ס'איז דער שטייגער
פון דעם בלוטזייגער
מיטצוכאַפּן זיך מיטן גרעסטן פליער
און צו טענהן, אַז קיינער קאָן נישט פליען ווי ער
אַזוי הויך: חוצפּה איז, כדרכה, פאַרשייט;
זי דערגרייכט אָבער קיין מאָל נישט זייער ווייט.

די פּיאַווקעס

אַ פּויער האָט אַ הויכע טעמפּעראַטור
געהאַט, און, אַ גלייביקער אין „נאַטור",
האָט ער געהייסן פּיאַווקעס צולייגן,
וואָס זאָלן פון זיין קערפּער בלוט זייגן.

האָבן די פּיאַווקעס בלוט געזויגן,
ווי קינדער — מילך מיט פאַרמאַכטע אויגן.
און אַזוי ווי ס'האָט זיי געשמעקט דאָס געטראַנק,
באַזונדערס בלוט פון איינעם וואָס איז קראַנק,
זענען זיי אין אַ זויג־אָרגיע פאַרזונקען
(ווי שיכורים, וואָס ווילן מער — נאָכן טרינקען,
זויפן אַ כוס נאָך אַ כוס
און כאַפּן איבער די מאָס)
און זיי האָבן אַזוי לאַנג געצאַפּט,
ביז זיי האָבן די פגירה געכאַפּט.

* * *

ווען מען זאָגט „פּיאַווקע",
מיינט מען נישט גראָד דווקא
דעם פּיינעם מין וואַסער־פּאַראַזיטן,
נאָר אויך אַלע מיט ענלעכע „זיטן";
באַזונדערס מיינט מען די כיבודים־זייגער,
וואָס האָבן שטענדיק ווייניק, ווי דער שטייגער,
און זענען גרייט צו פאַרקויפן
אַלץ וואָס איז טייער און הייליק,
אַבי נאָר זיך אָנצוזויפן
מיט נאָך אַ „כבוד"־חלק,
ביז זיי שטאַרבן
פון פאַרדאַרבן.

דאָס חזיר און די קאַץ

אַ חזיר, נאָכן „פּאָלובען״ זיך אין אַ קופּע אָפּפאַל,
איז אַרויס פּוסט־און־פּאַס אויף אַ שפּאַציר פון שטאַל
אין שטעטל. פּלוצלינג האָבן געטאָן אַ פינקל
זיינע אויגן : ר׳האָט דערזען אין גאַסן־ווינקל
אַ זומפּ, און, נישט לאַנג געטראַכט, אין גאַנצן אַריין,
צו געניסן דעם באָד־תענוג, כדרך־שוויין.
אָפּגעטובלט זיך טיף ביז צו די אויערן,
האָט ער געריבן זיך אַרום די מויערן
און באַשפּריצט אַלעמען מיט בלאָטע, עלעהיי :
„פריער האָב איך גענאָסן, איצט איז אייער ריי
פון דעם בלאָטע־באָד דעם וואונדערלעך־זיסן,
פון דעם נחת־רוח אַליין צו געניסן״.

די קאַץ, וואָס האָט צוגעזען די חזירייען,
האָט אָנגעהויבן מיאוקען און שרייען :
„חזיר איינער, ס׳איז, אַ פּנים, דיר נאָך ווייניק
צו זיין פון אינעווייניק און אויסנווייניק,
מבית ומחוץ,
איבערגעפּילט מיט שמוץ —
מוזסטו נאָך דערצו יעדן איינעם פאַרשמירן
און אַלע מיט דיין בלאָטע־מוסטער אויסצירן ?
נישט בחינם טרייבט מען דיך כסדר אין שטאַל,
דבר־אחר — ביסט אַ גייענדיקער שמוץ־קוואַל !״

דער מעלאָמאַן און דער מוזיקאַנט

איינער, אַן אַלטער מוזיק־דילעטאַנט,
האָט זיך געטשעפּעט צו אַ מוזיקאַנט:
„דיין פּיאַנע־שפּילן איז צו פיל פּאַרמעל
און ס'איז פאַרן פּובליקום צו־סובטעל״.

דער פּיאַניסט, וואָס האָט דעם עצה־געבער
געקענט ווי אַ מעלאָדיע־באַגרעבער,
האָט ביז־גאָר דעמאַסקירט דעם קונסט־פּראָפאַן,
וואָס האָט פּאַראַדירט ווי אַ מעלאָמאַן:

„פּירסט אויף דער פידל מיטן סמיטשיק
גרילצנדיק־מאָנאָטאָן און קוויטשיק;
גרימפּלסט אויף דער מאַנדאַלינע
און דו מאַכסט דערביי אַ מינע
און דו פּראַוועסט פּאַרשידענע שטיק —
עלעהיי אַ מייסטער פון מוזיק.

„די גרימפּלערס אויף דער פידל און פּיאַנע
זענען, נעבעך, דעם מוזיקער מקנא:
אי פאַרן דערפּאָלג, אי פאַר שפּילן גוט —
און ס'קאָכט און רוישט מיט כעס זייער בלוט.
„ווערסטו, גרימפּלער אויף דער מאַנדאָלינע,
דורכגעדרונגען מיט אַ ווילדער שנאה
צום קלעזמער, דעם מאַן פון דער פּראָפעסיע,
ווי ער וואָלט אויסגעקויפט דיין פּאָסעסיע.
און דו ווערסט, אימפּאָטענט, אַן אינטריגאַנט
און לייגסט פּאַסטקעס אַרום דעם מוזיקאַנט:

די נקמה פון די בייזע צונגען
אין די אַלע, וועמען ס'איז געלונגען.
דיין צאָרן — קאָמיש, הגם פאַרשטענדלעך,
אָבער ס'איז נאָך קאָמישער און שענדלעך
דיין פּרעטענזיע ווי אַ קינסטלער פון טאָן,
דיין 'גלויבן' — ביסט שיער נישט אַ גאון".

• • •

קען מען אָנרופן אַ ריטשקעלע — „אַ שטראָם",
אָדער אַ רעגן־קאַלוזשע — „אַ ים"?
קלאָר: ס'וועט נישט זאָגן קיינער,
אַלפּן־בערג זענען — קופּעס שטיינער.
וואָס איז טאַקע צו רעדן אַ סך:
דער ערגסטער גרימפּלער האַלט זיך פאַר אַ באַך
און דער פּראָסטער מעלאָמאַניאַק דערוואַרט,
אַז מען וועט אים קרוינען פאַר אַ מאָצאַרט.

די פליג און די בין

אַ פליג אין דרויסן האָט געזונגען אַ מיזמור
צו זיך אַליין: „טאַקע, ווי גוט און וואויל איז מיר!
וואָס קען זיך פאַרגלייכן
מיטן ניגון
פון די פליגן?
און ווער קען דערגרייכן
דען אויף אַזוי פיל ערטער
ווי איך? נישטאָ קיין ווערטער
צו באַשרייבן גאָר מיין גרויסע מאַכט
(איך האָב זיך אויפן פירערס נאָז געשטעלט —
דעם מאַן, פאַר וועלכן ס'ציטערט אַ וועלט —
און איך קריך אויפן קאָפּ און פלאַטער
אַרום דעם מוראדיקן דיקטאַטאָר);
נו, שוין אָפּגערעדט פון גאָר דער פראַכט
פון מיין געזשום און שוואונג
וואָס בלייבן אייביק יונג.
צו מיר, דער פליג,
געהערט דער זיג
און כ'פאַרדין די גרעסטע לויבן:
כ'בין איבער אַלעם דערהויבן
און אַן אייביקייט לאַנג
וועט לעבן מיין געזאַנג!"

אַ בין, וואָס איז נאָנט אַרומגעפלויגן,
האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר חוזק־אויגן:
„ס'איז נעבעך, אַ גרויסע קלאָג,
באַשעפעניש פון אַ טאָג,
פליערין איבער אַלע מיסטן,
צו דיר און דיין חלום וויסטן.

איינרעדעניש מוז דאָך אויך האָבן אַ גרענעץ:
נאָך וויניק וואָס דיין לעבן,
מיט דיין זשומען און דיין שוועבן
און טומל, איז קורץ, לאַנגווייליק ווי אַ געגעץ,
ביסטו אויף געפאַרן אויסגעזעצט,
און אפילו אַנטרינען
דו וועסט און שוץ געפינען
פון שפינוועבס און פליגן־קלאַפּער,
איז דאָך נאָנט דער לעצטער 'כאַפּער'.
גרויסקייט פון איין־טאָג־פליגן
איז דער מיאוס'סטער ליגן.
דו ביסט דאָס נישטיקסטע פון דעם אָרום —
שוין אַריינגערעכנט דיין גאַנץ געזשום !"

❀

די שטעכלקע און די „מין־בלום"

האָט געזאָגט די שטעכלקע צו „אַ בלום
אַזאַ" מיט שפּאָט אין שטים און אַ בליק קרום:
„זיכער, דו קענסט זיך צו מיר נישט גלייכן,
דו וועסט צו מיין מעמד נישט דערגרייכן.
איך, און אַנדערע פון מיין משפחה,
האָבן אַ סך בעסערע מערכה:
אַלע קענען
אונדז; מיר זענען
דאָך אַריינגעטראָגן
אין די קאַטאַלאָגן,
אין די ספּעציעלע רייסטערס
פון באָטאַנישע מייסטערס.
דו פיגורירסט דאָך נישט אויף דער ליסטע
פון באָטאַניקערס און הערבאָריסטן!
און אויב ס'קען דיך נישט דער ספּעציאַליסט —
איז דאָך דיין גאַנצע עקזיסטענץ אומזיסט;
וועט מען דען וויסן פון אַ בלום־נסתר,
וואָס איז נישטאָ אין פלאַנצן־רעגיסטער?

„אויב עס חזרן נישט איבער קינד און קייט
דיין נאָמען אין דער נאָענט און אין דער ווייט,
איז דאָך אַזוי גוט ווי דו וואָלסט אין גאַנצן
נישט געהערט צו דער שיינער וועלט פון פלאַנצן!"

די בלום: „אויב איך בין נישטאָ אין דעם בוך,
בלי איך נישט? האָב איך קיין פיינעם גערוך
נישט? — עס באַשיינען מיינע קאָלירן
דעם אַרום, יום־טובדיק אים באַצירן.
וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דיין רעגיסטער

פון דער פאַד־קאַמאַריליע דער וויסטער —
די באָטאַניקערס און הערבאָריסטן,
וואָס פאָרשן קראָפּעווע אויף די מיסטן;
די האַלב־טויבע און האַלב־בלינדע „ספּעצן",
וואָס קענען גראָד דאָס ביליקע שעצן;
די געלערנטע און אַמאַטאָרן,
מיט די כראָנישע נאָז־קאַטאַרן,
די יעוונוכן
פון געוכן,
פון קאָלירן און שיינקייט יעדער,
וואָס „פּאַראייביקן" מיט זייער פעדער
וואָס זיי **פאַרשטייען** וועגן טעם, ריח
אין גרויסן וועגעטאַציע־קיניגרייך,
אָבער וואָס זיי זענען פאָרט נישט אומשטאַנד
צו **פילן** — צו זייער אייביקער שאנד.
די בלום — זי באַשיינט, באחנט און באַצירט,
אויך ווען דער סריס זי נישט רעגיסטרירט".

❀

די אַרעסטאַנטן

אין אַ לאַגער, ערגעץ אין אַ וויסט־ווייטער העק,
זענען אַרעסטאַנטן, אין שווערער פּיין און שרעק,
געווען פאַרשפּאַרט אָן משפּט, דין, און האָבן בלויז
איינס געוואוסט: זיי וועלן לעבעדיקע נישט אַרויס.

אומגעריכט די רוטין איבערגעריסן ווערן
פלעגט — די פון דער רוט, פון נגישות און פון טרערן:
עמעצער פון זיי ווערט אַרויסגעפירט צום טויט
און באַגראָבן דורך די וועכטערס הינטערן פלויט.

דאָך, פאַרזונקענע אין טאָג־טעגלעכע זאָרגן,
פלעגן זיי זיך נאָך מאָרגן־צרות באָרגן:
„יאָ, מען דאַרף קלערן וועגן מאָרגנדיקן טאָג" —
איז געווען זייער געוויינטלעכער לאָזונג־זאָג.
און אַזוי ווי יעדער האָט געפילט אַ מאַנגל,
פלעגט דאָרט זיין אַ שטענדיקער געראַנגל
צווישן זיי, און נישט זעלטן — מאָרדן־געפעכטן,
עלעהיי — איינצוברענגען „אַרבעט" די וועכטערס.

האָט געזאָגט איינער פון די לאַגער־לייט:
„משוגעים! דער סוף איז סיי ווי שוין נישט ווייט —
פאַרוואָס־זשע זאָל איינער דעם צווייטן פּייניקן?
וואָלט נישט געווען בעסער זיך צו פאַראייניקן
און מיט בשותפותדיקע כוחות
קאָנצענטרירן די הערצער און מוחות,
אַ וועג צו געפינען,
צו קענען אַנטרינען
פון די וועכטערס,
תליה־פלעכטערס,

אָדער צו געפינען
ווייניקסטנס אַ זינען
אין אונדזער לאַגע?
עס דאַרף זיין אונדזער באַגער —
אויב ס'איז נישטאָ קיין אנטרין
פון לית דיין ולית דין —
איינצואָטעמען דעם גייסט,
וואָס זאָל אונדז געבן אַ טרייסט
אין די טויט־געמאַרקן,
אין דעם וועג צום פאַרקן.
ווייל וואָס איז דאָס גאַנצע „עקזיסטירן",
און דער געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט,
אויב ס'ענדיקט זיך שנעל מיטן צופירן
צום מוראדיקן פּלאַץ הינטערן פּלויט?"

❀

די עלעקטרישע סטאַנציע און דער מאַשיניסט

אַן עלעקטרישע סטאַנציע האָט טאָג און נאַכט
געאַרבעט, אָבער זי האָט אַרויסגעבראַכט
זייער ווייניק ליכט. די סיבה: ס'איז דער שטראָם
פאַרשוואונדן אין דער ערד ווי אין אַ תהום.

ערגעץ אויפן וועג איז אַ שווערער דעפעקט
אין דער ליניע; אַ „זעראָ" איז דער עפעקט:
דער שטראָם וואָס קומט אָן אין די שטובן איז שוואַך —
ווייניק צו באַלייכטן, באַהייצן דעם כרך.
(ס'דערגייט דאָס ליכט בלויז
דאָ און דאָרט צו אַ הויז,
וואו די דראָטן נישט פאַרלירן
שפּאַנונג, און כוח דערפירן.)

דער מאַשיניסט איז ביז גאָר אויסגעמאַטערט
און אין ייאוש: „אַזוי פיל ענערגיע געפטרט
אויף כמעט־גאָרנישט! האָט דען טאַקע אַ זין
אַז ס'זאָל אַרבעטן די דינאַמאָ־מאַשין
און ס'זאָלן רוישן די מאָטאָרן,
ווי אַ מיל, וואָס מאָלט נישט קיין קאָרן?
אוודאי, ס'איז מיין פליכט
צו באַזאָרגן מיט ליכט
די שטאָט; אָבער לוינט זיך פאַר צוויי־דריי געביידעס
צו האָבן די צייט־און כוחות־אבדות?
זה חלקי מכל עמלי —
כ'בין אַ מוציא אור לבטלה".

די זאַמד־און וואַסער־שלעסער

קינדערביים ים־ברעג — פיינע אַרכיטעקטן —
האָבן געבויט בנינים פּרפעקטע:
פּאַלאַצן, שלעסער און זאַלן,
טונעלן, בריקן און קאַנאַלן.
זאַמד און וואַסער האָבן נישט אויסגעפּעלט,
האָבן נייע געביידעס אויפגעשטעלט
פון דעם „ליים" די בוי־אינזשענירן
און האָבן גענומען דאָס באַצירן
מיט מושלען — עלעהיי זילבער־ווענט.
יעדער פּאַלאַץ און שלאָס — אַ מאָנומענט
פון די מייסטער־דערפינדער,
די אַרכיטעקטן־קינדער.

. . . פּלוצלינג איז אָנגעלאָפן אַ כוואַליע
און די גאַנצע אַרבעט געמאַכט קאַליע:
אויפגעלייזט די שלעסער אין זאַמד־קופּעס נאַסע,
אין אַ גליטשיקער און פאָרמלאָזער מאַסע.

* * *

פּאַלאַצן פּרעכטיקע
און שלעסער מעכטיקע —
אַלץ, ווי קינדערשע געביידעס, ווערט
דורך די צייט־כוואַליעס פאַרשוווּנקט, צעשטערט.

צוויי שיפן אויפן ים

אויפן שטורעמדיקן ים געוואָרפן אַ שיף
ווערט דורך די כוואַליעס פון די הויכן צו דער טיף.
דער קאַפּיטאַן דער פאַרביסענער
עקשן, מיט זיין פאַרריסענער
גאווה, באַפעלט דער מאַטראָסן־חברה
אויסצופירן מאַנעוורע נאָך מאַנעוורע —
איינע געפערלעכער פון דער צווייטער.
קענטיק, ס'האָט דער קאַפּיטאַן דער צעדרייטער
באַשלאָסן: כדאי די מענטשן צו פאַרלירן,
אבי די שיף אין צייט צום פּאָרט צו דערפירן.

אויך אַ צווייטע שיף איז פאַרכאַפּט פון שטורעם,
אָבער נישטאָ קיין קאַפּיטאַן אויפן טורעם,
וואָס זאָל קאָנצענטרירן אין זיך
דעם כוח צו האַנדלען גאָר גיך
און די אָפּענסיווע אָפּצושטויסן
פון דעם צעשטורעמטן דרויסן.
ס'הערשט אַ כאַאָס — נישטאָ קיין „באָס":
יעדער איינער פון דער מאַנשאַפט און פּאַסאַזשירן
איז אַ נאַוויגאַטאָר, נעמט זיך אונטער צו פירן
די שיף. יעדער איינער רייסט זיך צום רודער
אונטער דעם טומל און דעם גערודער.
יעדער האָט אַן אַנדערן „רעצעפּט",
יעדער אין אַ צווייטער ריכטונג שלעפּט.
איינער ציט אַהער, אַ צווייטער אַהין,
ביז עס ווערט אָפּגעשטעלט די שיף־מאַשין.
די שיף וואַרפט זיך אין אַלע זייטן
דאָ קריגט זיך איינער מיטן צווייטן;

ס'בושעווען די וואַסער־אוןווינט־רעגימענטן —
און ס'זינקט די שיף אין די היציקע אַרגומענטן.

* * *

טייל טראַכטן וועגן ראַטעווען די שיף בלויז
אין אַרומיקן שטורעם, אויפברויז;
אַנדערע טראַכטן וועגן די מענטשן אַרום —
אַרויסצוראַטעווען זיי פון אומקום.
— וואָס איז אַ שיף אָן אַ מאַנשאַפט, פּאַסאַזשירן
אויפן צעבושעווטן נאַכט־אָקעאַן,
וואָס ס'איז מקריב דער צעדרייטער קאַפּיטאַן
מיט זיין רשעותדיקן אַרומרעגירן?
ווי זיכער זענען די מענטשן אויף אַ שיף,
ווען זי ווערט אַרויפגעשליידערט אויף אַ ריף?

די מאַלפּע און דער רעהירש

אַ מאַלפּע אין אַ צירק האָט אַ קאָסטיום פון זייד
און סאַמעט אָנגעטאָן. פילנדיק געהויבן,
האָט זי אירע „באַווייז"־קונצן אָנגעהויבן
און איז שטאָלץ אַרויס מיט באַרימערישע רייד
צו אַ רעהירש דערנעבן:
„יאָ, מען זעט גאַנץ גוט, כ'לעבן,
אַז איך טייל זיך אויס פון דער מענאַזשעריע
ווי אַ פּערזענלעכקייט און אַ גרויסע בריה:
מיינע באַוועגונגען, מאַניר און מיין גאַנג
ווייזן יעדן קלאָר, אַז כ'בין פון ערשטן קלאַס און ראַנג.
מיינע געשיקטע אויפטוען און מיין געשטעל —
נישט סתם קיין ווילדע חיה אין אַ רויער פעל,
אָט ווי דו, רעהירש תמעוואַטער,
מיט אויגן טרויעריק־מאַטע.
דו קענסט דעם עולם נישט פאַרוויילן
און אפילו קיין צוויי נישט ציילן.
אוודאי, איך וועל דיר הייליק שווערן,
ס'וועט שוין פון דיר קיין מאַלפּע נישט ווערן!"

דער רעהירש האָט געענטפערט גאָר שטיל, ווי זיין שטייגער:
„מאַלפּע, דו האַלסט זיך פאַר אַ גרויסן צעלייגער,
דו מאַכסט פאַרשידענע קונצן, טריקן,
צו ווענדן אויף זיך דער מאַסעס בליקן;
דו האַלסט זיך אין איין אויסצירן
אין שרייענדיקע קאָלירן
און אין פאַראַדירן
מיט נייע מאַנירן,
אָבער אַלץ וואָס דו האָסט נאָר איז פרעמד,
ווי דיין סאַמעט־ראָק און זיידן העמד,

און אַלץ וואָס דו טוסט, איז זינלאָז און הויל,
ווי די קלאַנגען, וואָס קומען פֿון דיין מויל.
אַלץ וואָס דו טוסט איז נאָכגעמאַכט,
אָן טעם, וואולגאַר פֿאַרפֿלאַכט.
אַ כּלל, דו באַרימערישע מאַלפּע,
ס'איז וויסטע פּלאַפּלעריי דיין „בעל־פּה"
און דיינע „אויפֿטוען" רופֿן אַרויס געלעכטער,
ווייל נישטאָ צווישן זיי קיין איינער אַן עכטער.
מעגסט אויפֿן קאָפּ זיך שטעלן,
כּדי יעדן צו געפֿעלן:
יעדעס פּוסטע נאָכמאַכן
ווערט באַלוינט מיט אָפּלאַכן".

❀

דער פּאָפּוגיי און דאָס בלויערל

אין אַ פויגלשטייג אַ בלויערל און אַ פּאָפּוגיי
האָבן געקלאָגט וועגן דער פאַרלוירענער פריי.
— „דאָך, מיר זענען נישט אינגאַנצן פאַרלוירן",
זאָגט דער פּאָפּוגיי. „מיר וועלן ניי־געבוירן
ווערן נאָכן סוף; אויך נאָך אונדזער שטאַרבן
וועלן מיר ווייטער לעבן אין שיינע פאַרבן;
מען וועט מיט אונדזערע פעדערן פאַרצירן הוטן
און דערביי אונדזער נאָמען דערמאָנען צום גוטן".

דאָס בלויערל האָט זיך צעלאַכט:
„ווער וואָלט אַזוינס גאָר פאַרטראַכט —
אין טויטע פעדערן צו געפינען לעבן,
ווען מיר אַליין וועלן מער נישט אַרומשוועבן!

„און ווען מען זאָל שוין וועלן געפינען אַ טרייסט:
'אין די פעדערן וועט לעבן דער פויגל־גייסט',
איז דאָס געווענדט אין דער 'לוינע'
פון דעם קומענדיקן קונה,
אין די קאַפּריזן פון וועטערהענער,
וואָס וועלן פסליען פאַרבן און טענער
לויט זייערע געשמאַקן, וואָס שטענדיק בייטן
זיך, לויטן בלאָז פון ווינט, אין אַלע זייטן,
און יעדער וועט לויט זיין ווינט־לאַגע
אַנדערש פאַרענטפערן די פראַגע.
וועט גאַנץ קלאָר באַווייזן איין וועטערהאָן,
אַז די פעדערן האָבן דעם ריכטיקן טאָן;
אַ צווייטער וועט גאָר זאָגן: 'ניין,
די פעדערן זענען גאָרנישט שיין';
אַ דריטער וואָס אין מאָדע פאַרשטייט:

'זיי זענען נישט אין גייסט פֿון דער צייט!'
אַ פֿערטער וועט אַהין און צוריק זיך דרייען
און וועט זיין אַפּשאַץ איינטיילן אין צווייען:
'גאַנץ פֿיינע פֿעדערן,
אָבער נישט פֿאַר יעדערן.
זיי זענען אי יאָ, אי ניין —
אַ טייל מיאוס, אַ טייל שיין'.

„און אַזוי ווי דו זעסט, פֿאָפּוגיי,
איז צום נאָכן סוף ביטער און ווײ:
מיט דער צייט וועלן גאָר פֿאַרשפּאָרן
די וועטערהענער זיך צו שפּאַרן —
מען וועט דאָס טראָגן ווי לאַנג ס'איז אַ 'פּאָגאָדע'
און אַוועקוואַרפֿן ביים געשריי פֿון דער מאָדע. —
אויב מיר זענען ביים לעבן נאָך ווי געשטאָרבן —
וועלן מיר דען אויפֿלעבן אין שאָטנס־פֿאַרבן?"

דער קוואַרטעט און די טרילערלעך

אַ האָן, אַ קאַטשקע, אַ הונט און קאַץ
האָבן זיך געטראָפן אויף אַ פּלאַץ
און האָבן גערעדט וועגן געזאַנג —
וועגן לויטער־מעלאָדישן קלאַנג.

דער האָן, וואָס האָט זיך געזעצט אויבנאָן,
האָט מיט אַ סך שטאָלץ געלאָזט וויסן:
„יעדער קען פון מיין קונסט געניסן —
כ׳בין אַ גרויסער מייסטער־באַריטאָן“.

די קאַטשקע האָט זיך גאָר צעשריגן:
„דער האָן אַ זינגער? — ס׳איז אַ ליגן!
אויב ס׳גייט וועגן זינגען מעלאָדיש,
איז מ י י ן ניגון אייביק און מאָדיש“.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער הונט:
„די אייגן־לויבן האָבן נישט קיין גרונט!
איך בין מוזיק־האָל־סטאַר, דער טענאָר,
וואָס פאַרכישופט מיט זיינע טענערן!“

זאָגט די קאַץ: „קריפּלס פון דער נאַטור,
ווי קומט דאָס צו מיין קאָלאָראַטור?
קינד און קייט מיט באַגייסטערונג הערט,
ווען אַ קאַץ טרעט אויף אין אַ קאָנצערט“.

און צו ווייזן, ווער ס׳איז אַ בריה,
האָט יעדער געזונגען אַן אַריע:
צוזאַמען — אַ גראָטעסק־סימפאָניע,

אַ גרילצנדיקע קאָמפּאַניע,
אַן אומהיימלעכער קלאַנגען־קאָקטייל
פון קרייעניש, געברום און געהייל.

זאָגט איין טרילערל צום צווייטן:
„האַ, ברודערקע, געקומען צייטן!
קאַרוזאָס ווערן אַלע קרייערס
און שמידס — די גרילצנדיקע שרייערס.

„מילא, ווי וואויל ס'פּרואוון די הענער
מהנה זיין די וועלט מיט טענער,
און יעדע קאַטשקע — מיט איר אַקאָרד;
אפילו ס'באַגייט האַרמאָניע־מאָרד
דער הונט, און פון דער קאַץ נאקטורנע
ווערט קאַלעמוטנע, פריקרע־כמורנע —
דאַרפן מיר, טרילערלעך, שווייגן
און דאָס נגינות אַוועקלייגן?
ניין! זאָלן טומלען די גרילץ־גאָרגלען —
זיי וועלן נישט פאַרטויבן די אָרגלען".

❁

די חיות־פעדעראַציע און דער הירש

ווילדע חיות פון די וועלדער און פליינען
זענען צו אַ מיטינג אַן אַלגעמיינעם
געקומען, די ברודער־קאַמפן צו ענדיקן
און צו שאַפן אַ שלום אַ שטענדיקן.

די וועלף, די שלאַנגען, טיגערס און בערן
האָבן גאָר געהאַלטן אין איין שווערן:
זיי וועלן אויספירן יעדע רעגולאַציע
פון זייער נייער חיות־פעדעראַציע —
אויף גערעכטן דזשאַנגל־געזעץ געבויט —
וואָס באַשטראָפט די זינדיקע מיט טויט.

דאָ האָט זיך אָפּגערופן די קלאַפּערשלאַנג:
„דער אָפּמאַך וועט זיכער נישט אָנהאַלטן לאַנג,
סיידן מען וועט שטעלן אויסער די געזעצן,
די וואָס פאַרראַטן, אינטריגירן און העצן.

„דער שולדיקער איז דער הירש מיט די הערנער,
וואָס פאַרטשעפּעט די אומשולדיקע דערנער
און שטערט דעם פרידן פון זיינע שכנים.
מען דאַרף דעריבער אַלע אין איינעם
באַשליסן
אויסצושליסן
אים פון אונדזערע רייען
און אַזוי זיך צו באַפרייען
פון זיין יאָך. מיר דאַרפן אַלע באַוויליקן
דעם הירשן־מין אין גאַנצן צו פאַרטיליקן.
יעדער וואָס איז פאַר, זאָל אַ לאַפּע אויפהייבן —
די קריכערס וועט מען אַן דעם אויפן ברום גלייבן".

אַלע חיות האָבן איינגעשטימט
מיט די לאַפּעס, אָדער געברומט
און אַפּלאַדירט לאַנג
פאַרן פאָרשלאָג פון דער שלאַנג.
די היענעס און שאַקאַלן האָבן געברילט: „ביסו!"
און געעפנט די פּיסקעס מיט די רייסציין: „געוויס,
מיר וועלן גוט אָפּלערנען
די הירשן וואָס דערצערענען
די חיות און שטערן דעם צוזאַמענלעבן
פרידלעכן, צו וועלכן מיר אַלע שטאַרק שטרעבן.
מען מוז דעם הירשן־מין אויסראָטן—ס'איז אַ שווערער פאַל:
ער האַלט אין גאַנצן נישט פון קיין יושר און קיין מאָראַלו!"

* * *

איז נאָך פאַראַן אַ חוכא־וטלולא אַ גרעסערע,
ווי אַ קלאַפּערשלאַנג, וואָס רופט צו אַ וועלט אַ בעסערע?
און איז עפּעס לעכערלעך נאָך מער,
ווען אַ שלום־טשעמפּיאָן ווערט דער בער
און די היענע און דער שאַקאַל
הויבן אָן צו פרעדיקן מאָראַל?

די קינדער און די זייפנבלאָזן

קינדער שפּילן זיך מיט אַרויסלאָזן
פיל־קאָלירנדיקע זייפנבלאָזן
אין דער לופט — כישופדיקע ספערן,
מיט סוד און רייץ פון ווייטע שטערן.

קלאָר, זייפנבלאָזן האָבן נישט קיין האַפט,
אָבער פאָרט, די קינדער שטייען פאַרגאַפט:
די גערהיים־וועלטן ווערן פאַרלוירן
שנעל; אַנדערע ווערן גיך געבוירן.

די קינדער וואַרפן בליקן
פול מיט חידוש, אַנטציקן
אויף די וועלטן־שטערן,
לויטערע ווי טרערן.

„אַ! . . . אַ!" . . . פאַנטאַסטישע זייפנבלאָזן . . .
די קינדער זעען גאָר רזין־דרזין
אין זייער שימער פון רעגנבויגן;
קינדער זעען מיט באַזונדערע אויגן.

קינדער זעען אַלץ ווי אַ גרויס פאַרביק וואונדער,
און ווי אַ נס — יעדן טייל באַזונדער.
ס'שטראַלט פון זיי אויס אַ מאגישע שיין,
וואָס חילט די טרויעריקע וואָר איין.

קינדער, זייפנבלאָזן באַצירן
מיט פאַרכאַפּנדיקע קאָלירן
די רויע פלאַכן
פון אַלע זאַכן;

זיי דערלייטערן
און פאַרברייטערן
די גרענעצן פון דעם „מעגלעך“ —
עקזיסטירן ווערט דערטרעגלעך.

קינדער זעען אַלץ גאָר שיין,
ווייל זיי זענען דאָס אַליין;
אין דער אָפּשיין פון זייער ליכט
ווערן זאַכן ניי, אומגעריכט.

יעדע זאַך קריגט אַן אַספּעקט
אַ נייעם, ווערט פּערפעקט;
מאַגיק, זייפנבלאָזן, קינדער —
לעבן ווערט באַחנטער, לינדער.

די סאָווע און דער סאָלאָוויי

אויף אַ חורבה אַן אַלטער האָט אַ מאָנאָלאָג
אַ סאָווע געהאַלטן — ווי איר־שטייגער, בלויז קלאָג
און שוואַרצזעעריי:
„ס'איז אָפּנאַרעריי
אַלץ, אַ הוילע איינבילדעניש,
זעאונגען אין דער ווילדעניש. —
די פייגל זינגען, לויט דער טעאָריע,
אָבער פאַקטיש זייער טעריטאָריע
אַנאָנסירן זיי. און דער שיינער ים־פּייזאַזש —
דאָס איז דאָך אוודאי אַ פּוסטער מיראַזש.
אונטער די פּרעכטיק־בלאָע ים־פלאַכן
ווערן אָפּגעטאָן די ערגסטע זאַכן.
דער הימל מיט אַ קריסטאַל־טעפּעך באַדעקט
זיין קאַלט־פינצטערע ליידיקייט, וואָס שרעקט.
מיין שאַרפער בליק
דרינגט דורך די שטיק:
צו באַצירן
מיט קאָלירן
דעם פאַרשימלטן אַלץ און יעדע זאַך באַזונדער
און צו פאַרשלייערן די מיאוסקייט מיט וואונדער,
מיט אַ קאַמופלאַזש,
אַ שיינקייט־באַנדאַזש —
דאָס איז דער שטייגער פון דער וועלט,
וואָס איך פאַראַכט שטאַרק און פאַרשעלט".

אַ סאָלאָוויי פון דער ווייטנס האָט צו זיך געזאָגט:
„מילא, מען ווייסט גוט, אַז אַ סאָווע וויינט און קלאָגט
אויף אַלץ, אַ חוץ אויף איר געדאַנק, לאָם און קרום,
וואָס זעט דאָס ערגסטע אין יעדער זאַך, אומעטום.

ס'איז אַ פֿראַגע, אויב מען דאַרף
האָבן אַ בליק אַזוי שאַרף,
צו צעשטערן די אילוזיע פֿון דעם שיינעם,
וואָס באַשיצט אונדז אַלע קעגן דעם אומריינעם.
אויב אַלץ איז טאַקע הויל און וויסט,
און יעדע זאַך איז מיגל, פֿאַרמיאוסט,
דאַן איז דאָך זייער
נייטיק דער שלייער.
ס'איז טיפֿער אַ שיינע אויבערפֿלאַך
פֿון אַ מיאוסער 'יוסטער' זאַך.
אויב אַלצדינג איז ווילד, אומהיימלעך און רוי,
דאַרף מען דאָך זיכער געזאַנג, קאָלירן און טוי.
ס'איז אָבער באַשיימפּערלעך, אָווע־טאָווע,
אַז דאָס וועט נישט באַגרייפֿן די 'שאַרפֿע' סאָווע".

❀

די קולות־פּאַרפּלייצונג

אוודאי, נישטאָ מער די צייט
ווען פון דעם גאָרטן, נאָענט און ווייט,
האָבן די זיסע קולות געקלונגען —
פייגעלעך האָבן שירה געזונגען.

אַרום דעם גאָרטן — פון זומפּן, פאַרמס קלאַנגען
רויִע האָבן איינגעזאַפּט די געזאַנגען:
טעמפּע גערוישן
פון פּוסטן „פּלוישן".
אומדערטרעגלעך
ווערט: טאָג־טעגלעך
קוואַקען די קאַטשקעס און זשאַבעס,
ווי פּלוידערנדיקע „באַבעס".
ס'טראָגט זיך פון די גרילן דער געפּילדער,
דער איינטאָניק־נודנער און ווילדער,
די גרילצנדיקע קולות
פון כאָרן און סאָלאָס.
אָט פירן צוויי ווילדע אָקסן
אַ דועל פון הערנער־באָקסן,
און די לופט ווערט פול —
טאַקע צו ווערן דול —
מיט ליאַרעמדיקע טיראַדעס
פון די ריזיקע סטאַדעס,
וואָס וואַרטן ביז מען וועט מעלדן
ווער פון די צוויי גרויסע העלדן
וועט ווי דער זיגער ווערן אַרויסגעשטעלט,
ווי דער טשעמפּיאָן פון דער בהמות־וועלט.
סיי אינדערוואָכן, סיי שבת
האַלט אָן די מוזיק פון די זשאַבעס

אונ פון די הינט דאָס בילן
און ס'רוישן פון די גרילן.
יעדע בריאה קומט אַרויס מיט איר קול,
אפילו ווען ס'איז נישטיק און הויל;
אַלע פאַרפלייצן מיט מיאוס־קלאַנגען דעם אַרום —
איינער מיט מעקען, אַ צווייטער מיט זיין געברום.
אין דעם מבול איז יעדער וואוילקלאַנג דערטרונקען
און דאָס זיסע פייגל־געזאַנג איז אין גערויש פאַרזונקען.

די מוראַשקע און דאָס פלאַטערל

אַ מוראשקע, ווי איר שטייגער, פאַרנומען,
האָט אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק אַ קרומען
אַ פלאַטערל, וואָס האָט געשוועבט אין קרייזן,
ווי מיטן „קלייד מוסטער" זיך צו באַווייזן:

„שוין איינמאָל אַ שלימזל, אַ פּוסטעפּאַס!
אַרומצופליען אין פעלד און אויף דער גאַס;
אַרומצושוועבן
און אַ שום שטרעבן
הפקר־פּעטרישקע, יום־טוב אין מיטנוואָך!
נו־יאָ, אַז מען האָט נישט קיין פרנסה־יאָך!
אַ בליטן־זייגער
ווי ס'איז דיין שטייגער,
ווייס דאָך נאָר פון פלאַטערן און פליטערן,
און נישט — פון פוילענצערס' סוף דעם ביטערן!"

אויף דער מוראשקעס שפּאַטרייד די בייסיקע
געענטפערט האָט דאָס פלאַטערל: „פלייסיקע,
אַזוי פיל צידה לדרך, ווען דער וועג
איז שוין באַלד ביים סוף און קורץ זענען די טעג
פאַרבליבען צו ציילן?
נאָך וואָס אַזוי זיך איילן
אין אַזאַ הארמידער?
בעסער זינגען לידער.
קראַנטער — ווי איך טו — אין זונשיין צו שוועבן,
צו געניסן אַזוי **קורץ** ווי מיר לעבן,
צו טאַנצן אין אַ ליכטיקן קאַראַהאָד.
לאָמיך דיר דערציילן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד:
ווי מיין „קליידמוסטער", האָט קיין זאַך נישט קיין האַפּט —
אויסער שטראַלנבלענד, פליטאַנץ און בלומענזאַפּט".

דער באַלאָן און די טויב

אַ באַלאָן, אַרויסגעלאָזט דורך אַ קינד,
איז געטריבן געוואָרן דורכן ווינט
אין דער הויך און געשטיגן אַלץ העכער
און געוואָרן אַלץ מער און מער פֿרעכער.

האָט ער פֿאַרטשעפּעט אַ טשאַטע טויבן:
„מיינט נישט, אַז איר זענט אַזוי דערהויבן,
פֿליענדיק איבער די הייזער־דעכער —
איך קען פֿליען פֿון אייך אַ סך העכער!"

האָט געענטפֿערט אַ טויב:
„פּוסט איז דיין אייגנלויב
און אָנגעבלאָזן, ווי דיין יש, באַלאָן,
וואָס שטרעבט צום אויבנאָן.
אייגנס האָסטו דאָך נישט פֿאַר קיין גראָשן,
(ווי פּלעוועס פֿון קערנער אויסגעדראָשן);
צו דיין דערהויבונג איז אַ גרויסע קלאָג:
דאָס באַווייזט, אַז דו האָסט נישט קיין וואָג.
גענוג דער מינדסטער שטאָך,
צו זען דיין גרויסע בראָך:
אַן אָפּפֿאַל — אַ שברי־כּלי־דיקע שאָל,
וואָס וואַלגערט זיך אין טאָל.

די ווילדע הון און די מעווע

אויף אַ ווייסע אַ ווייטער, צווישן דעם געפילדער
פון ים, ווינט האָבן באַשעפענישן ווילדע
געלעבט — אַלערליי זויג־חיות
און ריזיקע פייגל־סטייעס.

מיט דער צייט איז אַן אונטערגאַנג
אויף די ברואים אָנגעקומען:
פאַרשטומט דאָס מעקען און געזאַנג —
מען הערט בלויז דעם ים, ווינט ברומען.

בלויז אַ מעווע, אַ ווילדע הון, ווי אַ זכר,
זענען געבליבן פון דער סטייע דער רייכער;
טרויעריק זענען געווען די לעצטע צוויי —
גאָר טרויעריק — דער פליער פון דער ים־פריי.

„וואָס איז די סיבה וואָס דו פליסט נישט מער, מעווע,
אַרום אין די הייכן, שטאָלץ ווי דיין טבע?" —
פרעגט די ווילדע הון — „כ'מיין נישט דיין פלי פון פישפאַנג;
כ'מיין דיין פלי אין די הימלען, וואָס איז ווי געזאַנג".

ענטפערט די מעווע: „הון, דו דאַרפסט נישט פאַרגלייכן
דעם איצט מיטן פריער, ווען כ'פלעג אין די הייכן
צוזאַמען מיט דער סטייע אַרומשוועבן פריי —
די לייכטע פליגלען זענען איצט שווער ווי בליי.
ס'איז געווען פריער פאַרמעסט און פאַרגעניגן,
ווען מיר פלעגן אויף די לופט־כוואַליעס זיך וויגן.
איצט קען איך — די לעצטע מעווע — בלויז הויערן
אויף די וויסטע ווייסע־שטרעקעס און טרויערן
אויף די מעוועס' סוף און פאַרגאַנג
פון אונדזער הימלפלי־געזאַנג".

דער גאָנער, די קאַטשקע און דער שוואַן

ביי אַ סטאַוו, אַ גאָנער און אַ קאַטשקע
האָבן געהאַלטן נאָר אין איין באַטשקען
וועגן דעם שוואַן: „דער פיינער מיוחס
האַלט זיך אַזוי גרויס, צו אלדי רוחותו!"

„קען קיין צוויי נישט ציילן", זאָגט דער גאָנער,
„אַ וויסטע קאליקע, אויף מיין האָנער!
און האַלט שטענדיק פון זיך אין איין בלאָזן —
ס'פּאַסט אים נישט צו אונדז זיך אַראָפּלאָזן!"

„קוואַק־קוואַק", זאָגט די קאַטשקע. „אָט איז אַ תם:
נישט צו גאָט, נישט צו לייט, האַלט זיך גרויס סתם!
מיט וואָס ער שטאָלצירט אַזוי, ווייס איין גאָט",
קוואַקעט זי מיט גרויס פאַראיבל און שפּאָט.

דער שוואַן האָט געהערט דאָס פלוישן, מאָטלען
פון די פלוידערזעק, די עובר־בטלען
און געטראַכט: „עס איז זיכער נישט כדאי
צו ענטפערן אויף דעם פוסטן געברייי
פון די ברואים — אי נאַריש, אי געמיין:
זיי וועלן סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין".

* * *

ניין, דער שוואַן ענטפערט נישט אויף פלוישן
פון די קאַטשקעס, גאָנערס און דעם רוישן
פון זייערע קוואטש־מילן: די שיינקייט
האָט נישט קיין שותפות־שפראַך מיט געמיינקייט.

דער הונט און די קאַץ

דער הונט: ר׳איז כסדר אויף דער וואַך,
און מישט זיך אַריין אין יעדער זאַך,
און וואַרפט אַריין זיינע „דריי גראָשן״
אומעטום, ביליק־אויסגעדראָשן.

ער קען בלויז דעם דאָ, דעם אויגנבליק,
פּראָוועט אויף „איצט״־קאַנווע זיינע שטיק:
ער חנפעט, פּראָטעסטירט, לויבט און שעלט —
מיריאַדן קליניקייטן זיין וועלט.

די קאַץ: רואיק ווי אַ מאָנומענט
אומבאַוועגלעך; אין אויגן ברענט
סודותדיק מיט אור־כוח פּאַספּאַרליכט —
אַלץ וואָס איז פאַרבאָרגן, אומגעריכט.

דעם הונטס אוניווערס האָט אַ גרענעץ,
אין זיין היימלעכקייט איז אַ געניץ;
די קאַץ — אַ ספינקס אין מדבר הויערט —
אַ סוד, וואָס אויף זיך אַליין לויערט.

די מאַרגעריטקע און די אימאָרטעל

— „דו, נאַרישע, מיט דיין גאַנצער אייביקייט —
כ'לעבן, עס וועט שוין פון דיר נישט זיין קיין לייט!
צוליב אַ פיקציע מאַכסטו פון זיך אַ תל״,
זאָגט די מאַרגעריטקע צו דער אימאָרטעל.

„לוינט זיך טאַקע צו ווערן אויסגעריסן
יונגערהייט, פון דעם היינט נישט צו געניסן —
בלויז אַריינגעלייגט צו ווערן אין אַ בוך
און צו 'אייביקן' — אַן לעבן, אַן גערוך?

„קוק מיך אָן: איך לעב נאָר אַ קורצע צייט,
אָבער זי איז בילכער ווי דיין אייביקייט
פון אַ מומיע — אויסגעטרוקנט, קאַלט און שטום;
דאָס איז אויך דיין אויסדערוויילטקייט, מומיע־בלום!
„אַ גרויס גליק, צו ליגן צוזאַמענגעפרעסט
צווישן בוך־בלעטער, וואָס דער וואָרעם פרעסט!
און ווער קען וויסן, צי מיט יאָרן שפּעטער
וועט עמעצער אַריינקוקן אין די בלעטער?״

ענטפערט די אימאָרטעל: „בליען און וויאַנען
איז דער בלומען־ציקל; איז דען פאַראַנען
אַ טרייסט אין אַ דויער וואָס האָט אַ גרענעץ,
בפרט דיין זיין, וואָס איז גרויס ווי אַ גענעץ?

„איך אָבער, אויך נאָכן וועלקן, אָפּשטאַרבן
האַלט אָן ווייטער מיין בלום־פאַרעם און פאַרבן.
אויך דאָס אַלטגראָע בוך וועט אייביק גרינען;
אַ פאַרבענקטע האַנט וועט מיך געפינען
אַ מאָל צווישן די בלעטער פון דעם ספר,
ווען דו וועסט שוין לאַנג זיין עפר ואפר״.

דער שוסטער מיט די פּרעטענזיעס

אין אַ שטעטל איז געווען איינער אַ שוסטער,
אַ „פּאָקראַקע״, אַ פּגע־רע אַ באַוואוסטער,
וואָס האָט געהאַט אַ סך מער העזה ווי שכל.
האָט ער כסדר שטאָלץ זיך געקלאַפּט אין בייכל
און האָט נאָר געהאַלטן אין איין בלאָזן פון זיך:
ער איז דער איינציקער, וואָס קען מאַכן אַ פּאָר שיך;
„די אַנדערע שוסטערס זענען קאַליקעס אַלע
און זיי מאַכן דאָס לעדער־מאַטעריאַל קאַליע;
און נישט בלויז קענען זיי נישט מאַכן קיין רעכטן שוד,
נאָר ס'הערט זיך אויך פון זיי אַלע אַ שלעכטער גערוך.״

די שוסטערס האָבן פאַרשוויגן
די בילבולים און דעם ליגן
(זיי האָבן, אַ פּנים, זיך געהאַלטן
ביים „אל תענה כסיל...״ דעם פּסוק אַלטן);
בלויז איינער אַ שוסטעריונג
מיט אַ געשליפענער צונג
האָט געזאָגט: „דו לייגסט אַלע אין דר'ערד
כדי צו פאַרגרעסערן דיין אייגענעם ווערט,
און דו האַלטסט, אַז דיר קומט דער שוסטערטראָן,
דו כאָם, פאַר נאָכמאַכן יעדנס אַרבעט און פאַסאָן.
דו ביסט מבטל אַלע מיט דיין חוצפּה
און באַפלעקסט זיי מיט דיין שמוץ־פּה
און דו שפּריצסט אויף די בעל־מלאכות שוועבל און פעך —
דו, וואָס ביסט דער ערגסטער אין דעם שוסטערצעך!
דאָס איז מכוח דיין „כאַפּט דעם שלעכטן שוסטער!״
(פּונקט ווי „העסלעך״ שרייט צום שיינעם דעם מיאוססטער);
בנוגע דעם מיאוסן ריח —

אָפּצולייקענען איז דאָך נישט שייך:
ס'הערט זיך אומעטום אַ גערוך —
דאָרט וואו **דו** קומסט אויף אַ באַזוך!"

דער פּאָרטרעטן־מאָלער

אַ פּאָרטרעטן־מאָלער, אַ שונא פון בלאָפן,
האָט כסדר אויף טענות זיך אָנגעטראָפן:
„פאַרוואָס טוט ער דען אַזוי טונקל שילדערן
מענטשן, און זייערע שטריכן נישט פאַרמילדערן?"

דער מאָלער האָט געענטפערט: „איך בין נישט אויסן
צו פאַרשענערן, נאָר פּראָסט פשוט אין דרויסן
אַרויסצוברענגען דאָס וואָס איז אייגן, באַזונדער
פאַר יעדן יחיד; און ס'איז זיכער נישט קיין וואונדער,
וואָס ס'קומען אַרויס „ליכט־און־שאָטן" די בילדער
פון מענטשן, וואָס מיט זייער נאַטור דער ווילדער
ראַנגלען זיך; און ס'מוז ווייזן יעדע קונסט עכטע
דאָס שיינע און מיאוסע, דאָס גוטע און שלעכטע".

אַזוי ווי די טענות האָבן נישט איינגעשטילט
זיך, און יעדער אומצופרידענער האָט געצילט
זיינע שנאה־פיילן אין דעם מאָלער, האָט ער
געזאָגט: „חסל סידור פּאָרטרעטן! כ'מאָל נישט מער
אין דעם זשאנער, און קומט צו מיר נישט פּאָזירן,
ווייל איך וועל אייך נישט שמינקעווען און גרימירן.
קומט נישט מער און טוט מיר נישט קיין גרויסע לאַסקעס —
איך פלאַן נישט צו מאָלן קיין קאַמופלאַזש־מאַסקעס.
איך בין נישט אָנגעוויזן אויף דעם 'פּאַד':
און קען שאַפן אויטאָפּאָרטרעטן, זשאַנערס אַ סך
אַנדערע. ס'איז פאַרשידנפאַרביק ווי דער 'אַל'
דער מאָלער; זיין פאַנטאַזיע — שפּרודלדיקער קוואַל!".

פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן 'פּאָרטרעטן אויס'.
אויב שוין אַ פּאָרטרעט — איז, וואָס ער מאָלט פון זיך בלויז;
לאַנדשאַפטן, נאַטור־סצענעס זענען די טעמעס
פון די בילדער, וואו ער ברענגט אַרויס זיין אמת
אומגעשטערט; און זיינע גוואַשן, אַקוואַרעלן
און 'איילן' — אַלע פאַסצינירן, געפעלן.

די קאָרטן־שפּילערס

אַ גרופּע שפּילערס ביי אַ טישל האָבן געטאַשט
מיט ברען אַ טאַליע קאָרטן — געשפּילט אָדער „געפּאַשט"‎;
טייל איז דער שלימזל מערסטנס נאָכגעלאָפן
און ס'האָט זעלטן ביי זיי אַ געווינס געטראָפן;
אַנדערע האָבן מיט צופרידנקייט און ווערדע
געמאָלדן וועגן געווינסן אין דער „דערדע".

איינער, וואָס האָט כסדר געהאָט בלויז „שראַגע",
האָט זיך אַליין אָן ווערטער געשטעלט אַ פראַגע:
„ווי קומט עס, וואָס טייל געווינערס געבוירענע
זענען; אַנדערע — פאַרשפּילערס פאַרלוירענע?
מילא, דעם אָדער יענעם שפּילט אָפט צו דאָס גליק,
טייל געווינען דורך אַנוועגדן שווינדל און טריק;
אָבער פאַרוואָס צי איך שטענדיק אַרויס שראַגע בלויז —
גרין־אונטער, אייכל־אייבער, שעל־מלכה, רויט־טויז?
מוז איך טאַקע, ווי אַנדערע, באַניצן שטיק,
ווען ס'מיידט מיך אויס שטענדיק אין קאָרטן־שפּיל דאָס גליק?

„ניין, כ'וועל בעסער שטענדיק אַ פאַרשפּילטער בלייבן,
איידער דורך געמיינעם שווינדל זיך דערהייבן
צום פאַלשן 'סטאַטוס', צום געווינערישן שטאַנד,
און איינהילן די שפּילקונסט אין אייביקער שאַנד".

דער באָטאַניקער און די פלאַנצן

אַ מאַן, וואָס האָט געלערנט חכמת־באָטאַניק
און האָט אויך אויסגעפאָרשט די נאַטור־מעכאַניק,
פלעגט ביי אַ זומערדיקן שפּאַציר אין אַ וואַלד —
אנשטאָט געניסן — געבן אַן אָפּהאַנדלונג באַלד:
וויפל יעדע צווייג פון יעדן בוים האָט בלעטער;
וועלכע ביימער ס'בליען פריער און וועלכע שפּעטער;
דער נאָמען און פאַמיליע־נאָמען פון יעדן.
(פאַרטיק? — אַ טעות! ער הייבט ערשט אָן צו רעדן:
ווי דער נאָמען פון בוים איז אין אַלט־כונכוזיש —
אַרבוסין; אַרבאָניקום אין אַלט־גרוזיש).
וועלכע פייגל און ווערריקלעך אין אים נעסטן,
און וועלכע מוראשקעס און כלערליי פעסטן,
וואָס די לעבנס־זאַפטן פון די בלעטער זייגן,
און דאָס גערויש פון ווינט צווישן די צווייגן,
און אַזוי אין איין אָטעם —
געבן מיריאַדן פרטים,
באַנאַלע און בוכהאַלטערישע
וועגן די שיינקייטן עטערישע
און זינלעכע: צו פאַרפלייצן דעם גן־עדן
אין אַ מבול פון פוסט־אויסגעדראָשן רעדן.
אַזוי איז אויך געווען אין גאָרטן זיין דרך:
נישט צו געניסן, לויבן דעם שיינקייט־ערך
פון יעדער בלום און יעדן גרעזל וואָס שיינען
און שטראַלן מיט אומצייליקע ליבע חנען,
נאָר פונקט ווי אַן אביון אויף אַ טיש אַ רייכן,
אויסצולייגן פאַרטרוקנט ברויט און דאָס גלייכן —
'אוצרות' פון זיין בעטל־טאָרבע: וויפל פליגן,
אַנדערע אינסעקטן, זייער נערונג קריגן
פון די פלאַנצן; נעמען פון די אינסעקטן

און פאַרשידענע אַנדערע אַספּעקטן:
דער טאָג און די שעה ווען די אַלע פלאַנצן
הייבן אָן אויפצולעבן, בליען און גלאַנצן,
און ווען — צו פאַרטריקענען און אָפּצודאַרן,
ווי די וואַגאַבונדן אויף טראָטואַרן
זיך צו וואַלגערן; און די אידיאָסינקראַזיע
פון יעדער פלאַנץ; און איר שטאַם־אָרט אין אייראַזיע
און אַזוי ווייטער — צאָלן אָן צאָל, ציפערן
טרוקן־טויטע, אָן אַן איינבליק טיפערן;
אויך נישט זען דאָס גרעזל, די בלום, דעם בוים —
נאָר בלויז אינפאָרמאַציע הוילע און פאַקטן־שוים.

* * *

דער פּוסטער חוקר,
גײַסטיקער הויקער —
נישט בלויז וואָס ער איז אומפעאיק צו געניסן,
נאָר צעדריקט די פלאַנצן אונטער אַ באַרג וויסן
און זײַן פּאַפּוגייאיש געפּלאַפּל
איז אויפן נידעריקסטן שטאַפּל.

קלאָר: עס זאָגט מער איין בליציק וואָרט פון פּאָעטן,
ווי דער גיי־לעקסיקאָן פון טריוויאַליטעטן —
דער קעלער מיט שימלדיקע שאַבלאָן־שמאַטעס,
מיט פּרוכנע־קאַסטנס ציפערן, פאַקטן, דאַטעס.

דער „אומבאַרירלעכער" ראַץ

אַ ראַץ אויפֿן פֿעלד האָט געקריצט מיט די ציין
און געזידלט די חיות. „זיי זענען דאָך אומריין
אַלע; מיאוסע בריות — דער לייב, וואָלף און פֿוקס
און ענלעכע באַשעפֿענישן; דאָס איז אַלץ „יוקס".
אָן אַ ברעקל חיהשער ווערדע און שיינקייט
זענען זיי, מיגלדיק מיט זייער געמיינקייט".

האָבן טייל חיות געהאַט טענות צו דער קאַץ,
וואָס זי האָט נישט געדורסט דעם פּאַסקודנעם ראַץ.
אַ יונג לייבל האָט געטענהט: „ס'איז דאָך אַ גרויל!
ווי לאָזט מען דען עפּענען דאָס שמוציקע מויל
דעם נפֿש, דעם לופֿט־פּאַרגיפֿטער, און דער עיקר —
פֿאַרוואָס צערייסט מען נישט דעם עכּבר אויף שטיקער?"

אַ לייביכע האָט געענטפֿערט: „אַזעלכע געסט
טראָגן אויפֿן קערפּער, ווי אַ פּאַנצער, די פּעסט;
מען שרעקט זיך מער ווי פֿאַר פֿלינקייט און כּוח,
פֿאַר דעם **אומריינעם** מיט זיין גרויליקן אָטעמהויך.
דער ראַץ קאָן קריצן מיט די ציין: ס'האָט מורא
יעדער צוצורירן זיך צו דעם מצורע".

* * *

און אַזוי פּאַסירט,
אַז עס ווערט טאָלערירט
ווען פּאַרפֿעסטיקטע ראַצן
שיינקייט און ווערדע שאַצן,
און איינוואוינערס פֿון קאַנאַל
דרשהנען וועגן מאָראַל.

דער פורמאַן און דאָס פערד

צווישן קאַניוכעס אין שענק, איז זיך פאַרגאַנגען
אַ פורמאַן אין נאָסטאַלגישע ליב־געזאַנגען
פאַר זיין סוס, וואָס איז פלוצעם אַוועקגעפאַלן:
„אַזוינס האָט נאָר געפּאַסט פאַר פּריצישע שטאַלן!"

און צו ווייזן, אַז ס'איז נישט געווען קיין ליאדע
פערדל, האָט ער אַלע מעלות פון דעם „גניאַדע"
אויסגערעכנט — זיין גבורה, פלינקייט, אויסדויער.
„אַ פייער, כאָלערע", האָט ער מיט באַדויער
און פאַרדרוס געזאָגט
(אין דער בעל־עגלהשער ליריק
איז אַ קללה העכסט־רירנדיק),
ווי ער וואָלט באַקלאָגט
דעם טויט פון אַ נאָענט־ליבן מענטש,
וועמעס אָנדענק ער פאַרערט און בענטשט.

„עו" האָט אים געענטפערט איינער פון דעם געזעמל,
„מאַך זיך נאָר נישט פאַר אַזאַ אומשולדיק לעמל!
ווען דיין פערד האָט געלעבט, האָסטו אים געשונדן
זיין הויט, וואָס האָט געהאַט צייכנס־ביילן און וואונדן —
און נישט בלויז האָסטו אים מיט דער בייטש „געפידלט",
נאָר אויך געשאָלטן מיט טויטע קללות, געזידלט
און געהאָגלט אויף אים מיט באַליידיקונגען,
ווי דער ערגסטער און געמיינסטער פון פערדיונגען —
אים, וואָס האָט פאַר אַ ביסל היי אָדער האָבער
געליטן פון שווערער אַרבעט און דיין גראָבער
באַציאונג. אַ בראַנד אין דיינע טרייפע ביינער!
וואָס ניצט דיין לויב, ווען טויט איז דער סוס דער פיינער?

דאָס גאַנצע לעבן האָסטו, נעבעך, געמאַטערט
דעם „גניאַדען", ביז דו האָסט אים צום סוף געפּטרט:
הייבסט אָן צו שאנעווען דאָס פערד,
ווען עס ליגט שוין טיף אין דער ערד?"

דאָס ריטשקעלע און דער קוואַל

אַ ריטשקעלע געטענהט צו אַ קוואַל האָט:
„אַ שאָד וואָס דו ריזלסט ווייט פון דער שטאָט —
זעלטן ווער ס'קומט פון פליסיקן קריסטאַל
דײַנעם צו טרינקען, דו לויטערער קוואַל!

„ניין, דו טאָרסט נישט לאָזן פאַרלוירן גיין
דײַן וואונדער־וואַסער איבער ערד און שטיין!
בעסער פליס צו אַ ישוב פון מענטשן,
וואָס זאָלן פון דיר טרינקען, דיך בענטשן".

דער קוואַל: „וואָס דו פּראָפּאַנירסט איז פאַרקערט
פון יעדן זין. האָט דען ווער אַ מאָל געהערט,
אַן איינפאַל אַזאַ, אַ מאָדנע־קרומען,
אַז אַ קוואַל זאָל צו די טרינקערס קומען?

„טייל מענטשן וועלן טרינקען פאַרדומפּן
וואַסער, אפילו ווען ס'איז פון זומפּן,
ווײַל צו קומען צום קוואַל זענען זיי פויל,
און אַטראָפירט זייער געשמאַק אין מויל,
זייער צונג און גומען.
זאָל זיי וואויל באַקומען —
קיין קוואַל וועט דאָך זיכער, בשום אופן,
די וואַסער־געברויכערס נישט נאָכלויפן".

די פיש־פאַנגערס

אַ מענטש, וואָס האָט געכאַפּט פישלעך ביי אַ טייך־ברעג,
האָט אַ פישער אין אַ שיפל אויפן וואַסער־וועג
באַמערקט, וואָס איז מיט אַ ליידיקער נעץ
אַהיימגעפאָרן — האָט דער כאַפּער, מעשה־לץ,
געחוזקט פון דעם לא־יוצלח: „פאָרסט ווייט אין ים —
זיך געגרייט דעם לויתן צו פאַנגען, מן הסתם ?
דו האָסט זיך געפּאָרעט, געאַרבעט, זיך געגרייט —
אָבער „בגפו יבא...‟ ווי אין פסוק שטייט. —
איך זיץ שטיל מיט דער ווענדקעביים ברעג פון דעם טייך —
און די פיש קומען מאַסנווייז צו מיר גלייך.
זאָג אַהער, זאָג אַהין, אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין,
בלויז איך וועל מיט פולע עמערס פיש אַהיימגיין‟.

דער פישער האָט געזאָגט: „נאַר פון דיר איז צו לאַכן :
דו כאַפּסט פיש אין אַ וואַסער אַ מוטנעם און פלאַכן.
און וואָס זענען דאָס פאַר אַ פיש, לא־עלינו ? —
דרויב און „פלאַטקעס' אַלערליי, נעבעכדיק־קליינע.

„איך שווים אין מיין שיפל צו די בלאָע ווייטן,
מיין נעץ אין טיפע וואַסערן צו פאַרשפּרייטן.
כ'בין גאָרנישט פאַרצווייפלט פון דעם דורכפאַל, ווייל כ'גלויב,
אַז צו זוכן אין טיף וואַסער דעם גרויסן פאַנג
(הגם דאָס געפינען קאָן דויערן גאַנץ לאַנג)
איז אַלץ בעסער, ווי פאַנגען דעם נישטיקן דרויב‟.

דער כאַמעלעאָן און די פּאַווע

דער כאַמעלעאָן האָט צו דער פּאַווע
געטענהט: „דו גיסט דיר נאָך די תאווה
פון כסדר גלענצן, שימערירן
מיט דיינע שרייענדיקע קאָלירן
און דו טראַכסט גאָרנישט וועגן דער געפאַר,
אַז ס'איז לייכטער דיך צו פאַנגען דערפאַר.
איך, אָבער, בין צו יעדער צייט
צו טוישן מיינע פאַרבן גרייט.
דאָס העלפט מיר צו באַשיצן זיך קעגן
די ווילדע חיות אויף אַלע וועגן,
ווי אויך אין מיין קאַמופלאַזש פּערפעקטן
צו כאַפּן פאַרשידענע אינסעקטן".

זאָגט די פּאַווע: „ס'איז אין דיין פאַרשייטן
כאַראַקטער, אָפט קאָלירן צו בייטן
און צוצופּאַסן זיך צו דעם אַרום:
פאַר דיר, שרץ, איז דאָס נישט מיאוס, קרום,
ווייל דאָס איז מיט דיין נאַטור אין „איינקלאַנג",
בפרט ווען דאָס העלפט אין דיין ווערים־פאַנג.

„קאָלירן־אומבייט
ביי גלעגנהייט,
צו דער אומגעגנט זיך צוצופּאַסן —
דאָס איז אומווערדיק און אויסגעלאַסן;
ס'איז אַ זאַך פאַר שרצים, וואָס ווערים שלינגען,
נישט פאַר פּאַוועס, וואָס אין פאַרבן זינגען".

דער טיש און די קאָמאָדע

אַן אומגעהובלטער טיש צו אַ קאָמאָדע
אַ פּאָלירטער האָט געזאָגט: „כ'האָב פיינט די מאָדע
און דאָס אויבנאויפיק־פּאַרפּוצטע, דיין פּאָליטור
וואָס איז אַ צודעק פאַר דיין אמתער נאַטור.
דאָס פאַרשמירן און דאָס פּאַרפּוצן
ברענגט פּאַקטיש גאָר אַ קנאַפּן נוצן.
פאַרבן, פּאָקאָסטן — אָפּשטויסנדיק איז דאָס אַלץ,
ווי שמינקע, פּאָמאַדע אויף אַ פּנים אַן אַלטס" —
אַזוי האָט דער טיש געשאָטן פּעך און שוועבל
נעבעך אויף דעם „דעגענערירטן" שטיק מעבל.

די קאָמאָדע האָט געזאָגט דעם טיש : „ביסט אומגערעכט,
אויך ווען דו מיינסט, אַז דו ביסט נאַטירלעך און עכט.
דאָס ביסטו געווען אין וואַלד; גראָד אין יענער צייט
אָבער ביסטו געווען אין אַ מאַנטל געקליידט.
איצט ווילסטו די „נאַטור" באַניצן ווי אַ שילד
פאַר דיין אינערלעכקייט, וואָס איז רוי און ווילד.
דו פּאַרשטייסט נישט ווי ניצלעך, באַקוועם ס'איז צו זיין
ווי איך, די קאָמאָדע, פּאָלירט, גלאַטיק און ריין.
האָבן אַ פיינע, אַנגענעמע אויבערפלאַך
איז גאָרנישט, ווי דו מיינסט, אַזאַ קרומע זאַך;
געדענק: ס'פּאַרמיידן פּרוכנע, שפּילטערס און שמוץ —
הובל און פּאָליטור, וואָס ברענגען אַ סך נוץ.
און צו זיין געשליפן און צירלעך
העלפט נאָך אַלץ וואָס איז עכט, נאַטירלעך".

דער דיין מיט דער שיינער שטים

אין אַ שטעטל איז געווען אַ חזן־שוחט,
וואָס האָט פֿאַרנומען די אַמטן אויכעט
פֿון אַ דיין און פֿון אַ ראש־הקהל.
איז געווען נישקשהדיק גרויס די צאָל
פֿון טענות און באַשולדיקונגען אַלערליי,
ווי: „שוין איין מאָל אַ פּירער, אַז אַך־און־וויי!
ער נעמט דאָך כּסדר דרייפֿאַכיק שוחד —
ווי אַ דיין, ראש־הקהל און שוחט!"
טייל האָבן געזאָגט, אַז ער כּשרט בשׂר
מיט אַ סירכה, און בכלל זאַכן וואָס זענען אסור
(פֿון דעם איז דער עולם געווען געפּלעפֿט;
ס'זאָל אָבער אַזוי נישט טרעפֿן, ווי ס'טרעפֿט!)
און אַז ווי אַן עפּל מיט שיינע פֿאַרבן
איז ער פֿון אינעווייניק פֿאַרדאָרבן.
האָט מען אַ מיטינג אין קאָמיוניטי האָל
גערופֿן — ס'זאָל זיך אַרויסזאָגן קהל.
דער עולם האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף „ריטייערן",
צו פֿאַרשפּאָרן אים די בושה פֿון „פֿייערן".
האָט אַ איד גענומען אים פֿאַרטיידיקן:
„מען טאָר נישט אונדזער מנהיג באַליידיקן,
ווייל... ווייל — ער האָט אַ שיין קול־נגינה,
וואָס איז אַ זעלטנקייט אין דער מדינה!"

אויסהערנדיק דאָס, האָט זיך צעלאַכט איינער:
„שוין איין מאָל אַ סמיכת־הפּרשות אַ פֿיינער!
ווי קומט געזאַנג צו משפּטים? אויך ווען ער זאָל
זיין בלויז חזן, איז אַ פֿראַגע, צו זיין קול
איז נישט טריפֿה; בפֿרט נאָך אַז ער איז אַ 'פּוסק',
וואָס איז אין פּיל טריפֿהנע געשעפֿטן עוסק.

דאָ איז שוין נישט קיין שום ספק וועגן דעם פסק:
זיין אָנפירעכץ, חזנות, שחיטה און דיינות —
דאָס אַלץ איז ווייניק ווערט, בנאמנות:
עס איז טריפה ביי אים אַלץ מיט האַק־און־פּאַק!"

די גליאָווניעס און די קוילן

קוילנאַש און גליאָווניעס אויסגעברענטע
פון אויוון, פאַרשעמטע און געשענדטע,
ווערן אַרויסגעשאַרט; ס'ברענען ווייטער
שטיקער האָלץ און קוילן ווי אַ שייטער.

דאָס קוילנאַש און די גליאָווניעס ברענען
אוודאי נישט מער, אָבער זיי זענען
וויכטיק און מען דאַרף זיי האַלטן טייער:
זיי האָבן דאָך אונדז געגעבן פייער.

פלאַקערנדיקע קוילן, שטיקער האָלץ,
קוקט נישט מיט אַזאַ גרינגשעצונג און שטאָלץ
אויף די וואָס איצט אויסגעלאָשן זענען —
זיי פלעגן אַ מאָל ווי איר גוט ברענען,
און האָבן אַ היימלעכע וואַרעמקייט
און שלווה איבער גאָר דער שטוב פאַרשפּרייט.

איר אַליין זענט דאָך פון דעם זעלבן שטאָף
און וועט האָבן דעם זעלבן פייער־סוף;
און ס'פּאַלט אייך נישט איין צו טראַכטן,
אַז ווען איר טוט פאַראַכטן
די וואָס האָבן נעכטן געברענט גאָר פיין,
מאַכט איר צו שאַנד און צו שפּאָט זיך אַליין.

די אָ׳פּאָרנס

צוויי קרובֿים־סוחרים, אָ׳פּאָרן מיטן נאָמען,
האָבן שוין געהאַט פּאַרשידענע קראָמען,
און אַלץ קיין לײַטיש לעבן נישט „געמאַלט״ —
ביז זיי האָבן איין מאָל עפּעס צוגעטראַכט.

האָבן זיי געעפֿנט אַ קראָם פֿון בילדער,
זשורנאַלן — אַ סעקסמאַרק אַ ווילדער,
וואו עס האָט אין דער לענג און אין דער ברייט —
צו באַדינען זײַנע קליענטן גרייט —
דער יצר־הרע זיך געלייגט : „נו־נו, שעמען
דאַרפסטו זיך נישט; דו קענסט פֿון דעם אַלעם נעמען״.
איז די אָ׳פּאָרן־קראָם געוואָרן זייער מאָדיש,
ווי אין דעם פּסוק שטייט : „ויקם מלך חדש
(סדום, פּלגש בגבעה — אַלטע שטיק !
אוודאי, מען גייט פּאָראויס, נישט צוריק):
פֿון אומעטום האָט אויף די קונים געפּלייצט
אַ קיצל־טוש און ס׳האָט זיי גערייצט
כסדר וואַריאַציע נאָך וואַריאַציע
און „פּאָזיציעס״ פֿון די פּאָרן־סעקספּלואַטאַציע.
חוץ די בילדער אין סופּערמאַרקעט פֿון שאַנד,
האָבן זיי אויך געהאַט „קוקערס״ און פֿילמבאַנד:
אַספּעקטן אומענדלעכע
פֿון פּערווערסיעס שענדלעכע.
נאָך דעם ווי די פּאָרנס האָבן געמאַכט אַ פּותיקי
פֿון זייערע געשעפֿטן די קריטיקע,
זענען זיי געוואָרן גאַנצע „מאַכערס״ אין לאַנד
און זענען דערהויבן געוואָרן צום אדלשטאַנד:
די גראַפֿן אָ׳פּאָרן — ווי ס׳איז געווען זייער נײַער טיטל —
האָבן שוין אַראָפּגעקוקט אויף אַלע מיט ביטול.

עס זענען אָבער געווען „פּרעכע" לייט,
וואָס האָבן געזען אין זיי אַ שפּיגל פון דער צייט —
אַ צייט, וואָס דערהייבט קיצלערס צום נאָבלשטאַנד
און טיילט צו דעם טיטל „גראַף" די הענדלערס פון שאַנד.

די וואַנדערערס און די זאַפּאַסן

אַ גרופּע מענטשן האָבן אויפֿן וועג צו אַ שטאָט געשפּאַנט
און האָבן פון צייט צו צייט איינגעקויפט פּראָוויאַנט:
אוודאי, ס'איז דער וועג צו זייער היימשטאָט ווייט —
זאָל, אויף יעדן פאַל, צידה־לדרך זיין גרייט.

אַזוי ווי אַלע האָבן מיט אַ שנעלן טראָט
מאַרשירט, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער שטאָט;
זיי אַלע האָבן פונדעסטוועגן זיך פאַרהאַלטן
אויף אַ מאַרק, פול מיט מקח־וממכר־געוואַלדן.

און זיי האָבן אויפסניי דעם צידה־לדרך
איינגעקויפט — גאַנצע זעק, אָן שיעור און ערך;
און מען האָט זיך געראַשט, געטומלט און געדונגען,
אַז ס'האָט דעם מאַרק און די אומגעגנט פאַרקלונגען.

איינער פון די וואַנדערערס האָט זיי געזאָגט מיט געשפּעט:
„שוטים! דער טאָג האַלט שוין ביים פאַרגיין און ס'ווערט שפּעט —
וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס דינגעניש, דאָס קויפן
גרויסע זאַפּאַסן, דאָס האָווען און לויפן?
גיט נאָר אַ בליק: די רייזע ענדיקט זיך; אָט־אָט —
און מיר זענען ביי דער שוועל פון אונזער היימשטאָט!"

די בערג און די דיסטאַנצן

בערגלעך און בערג, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען,
הויערן מעכטיק אויפן האָריזאָנטן־ראַנד;
ביסטו אָבער, וואַנדערער, ווייטער געגאַנגען,
פאַרשוואונדן די בערגלעך אין גאַנצן פון קאַנט.

דו גייסט אַפּ נאָך פיל מײלן, אָבער דו זעסט אויך
נאָך אַלץ די בערג וואָס זענען פון מיטעלער הויך.
„זיכער", טראַכסטו, „דאָס זענען בערג מיט אַ פאַרנעם,
און זייער אָנבליק דאַרף אָנהאַלטן ווי אַ שם
אַ גרויסער. קענען דען פאַרשוואונדן פון ווייטן ראַנד
די גיבורים־בערג, ווי אָפּגעווישט מיט דער האַנט ?"

ביסלעכווייז הויבן אויך זיי אָן „ניט־צו־ווערן"
און פאַרשוואונדן ווי פאַרטאָג די שטערן.

„נו, מילא; אָבער וואָס איז וועגן די טיטאַנען,
די העכסטע בערג, וואָס זענען אין לאַנד פאַראַנען ?
קלאָר — אויף דעם קען מען זיך אוודאי שטיצן —
ס'וועלן נישט פאַרשוואונדן די העכסטע באַרגשפּיצן !"

— אמת, וואַנדערער, וועסט נאָך דעם באַרגשפּיץ זען לאַנג
אָבער צום סוף וועסטו, ווי פון אַ ווייט געזאַנג,
אַן עכאָ, זען ווי ער פליסט אַפּ אין גאַנצן:
די העכסטע בערג פאַרשוואונדן נאָך גרויסע דיסטאַנצן.

די פלוי און דער הונט

די פלוי האָט געהאַט אַ טענה צום הונט:
„דו יאָגסט מיך און פּלאָגסט מיך אָן אַ שום גרונד;
טרייבסט מיך פון דיין פעל, וואו איך האָב מיין נעסט,
ווי איך וואָלט אַן אָנשיקעניש, אַ פּעסט
געווען! ווייסטו דען נישט, אַז צוזאַמען
גאָר פאַרשידענע מינים און שטאַמען
פון חיות און עופות לעבן אין רו?
פאַרוואָס ווילדעוועסטו, הונט איינער, דו?!"

דער הונט האָט געזאָגט דער פלוי: „ביסט אַן עוף,
אָבער פון גאָר אַ באַזונדערן שטאָף.
צו אַנדערע פאַרגלייכסטו זיך אומזיסט:
ביי יענע — איינער פון צווייטן געניסט
פון דעם שותפות, דעם צוזאַמענלעבן,
דורך זייער קעגנזייטיקן געבן.
ביי דיר, אָבער, פלוי,
איז ווייט נישט אַזוי:
צו געבן האָסטו, פאַרשטייט זיך, נישט וואָס,
אָבער דאָס איז נישט דער גרעסטער פאַרדרוס.
יאָ, דו בלוטזויגער,
ביסט אַן אויסטויגער
און קומסט צום גרייטן
מיט דיין פאַרשייטן
שפּרונג, און נעמסט פאַר זיך, מיט דיין שטאָך און צי,
די פרוכטן פון שווערער אַרבעט און מי
פון אַנדערע, און ווילסט נאָך פאַר דיין רויב,
פאַראַזיט, קריגן אַכטונג און לויב!"

דאָס ווילדגראָז און די זריעה־קערנדלעך

דאָס ווילדגראָז האָט געטענהט צו זריעה־קערנדלעך:
„איר זענט שוין איין מאָל דר'ערדליגערס! עס איז שענדלעך
צו פוילן איצט, כדי שפּעטער אויפצואוואקסן:
ווער ווייסט דען צי ס'וועלן אייך נישט רעגנשלאַקסן
פאַרפלייצן, אָדער קעלטן פאַרפרירן? הלמאי
מקריב זיין דעם איצט פאַר „אַ מאל" — איז דאָס כדאי?

„מיר אָבער וואַרטן נישט אויף קיין גליקן שפּעטער,
צו זיין אָפּהענגיק פון דעם קאַפּריז פון וועטער:
מיר בליען און שפּראָצן איצט כדי דעם אַרום
צו באַרייכערן; וואַרטן אויף מאָרגן איז קרום".

די זריעה־קערנדלעך האָבן געזאָגט: „אומקרויט,
דו קאָכסט זיך, אָבער דו ביסט אַ שאָטן פון טויט.
וואו מען זייעט דיך נישט — „שפּראָצסט" דו און „בליסט" דו
און דעם שיינעם פלאַנצן־נאָמען פאַרמיאוסט דו.
וואָס ניצט
דיין איצט,
אַז ער איז פול — מיט גאָרנישט און איז הויל
ווי אַן אומזין־פּלוידערנדיק מויל?

דיין בליען איז אַ צרה,
אַן אומגליק פאַר דער פלאָרע,
ווייל דו, פּאַראַזיט־פלאַנץ, אָן ווערט, אָן האַפט,
נעמסט צו זייער יניקה, דעם ערדזאַפט.

„מיר זענען איצט אין דער ערד, אָבער ס'וועט די צייט
קומען, ווען מיר וועלן אויפגיין און זיין שניט־גרייט.
וואָס וועסטו דאַן זאָגן, פּאַרזעעניש פון פלאַנצן,
ווען מיר וועלן אונטער דער זון מיט שפע גלאַנצן?"

די לעצטע שטראַלן

„וואָס עפּעס פּלוצלינג אַזוי כּישופדיק בלענדן״,
האָט די לבנה זיך צו דער זון געוואָנדן:
„נאָכן פאַרדעקט זיין מיט וואָלקנס אַ טאָג אַ גאַנצן —
פאַרוואָס עפּעס גראָד ביי דער שקיעה צו שטראַלן און צו גלאַנצן,
און אָפּצושפּיגלען צעשמאָלצן גאָלד אין די שויבן —
אַן אָפּשיין ווי פון פאַנען מיט ווייַרעך־לויבן ?״
די זון: „גראָד צוליב דעם וואָס כ׳בין אַ גאַנצן טאָג
געווען פאַרדעקט, מוז איך איצט אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג —
מיין גינגאָלד־שיין — פאַרשפּרייטן אין אַלע זייטן,
איידער איך לאָז זיך אַוועק אין אַ וועג אַ וויַיטן:
מיין ליכט, וואָס איז געווען פאַרשטעלט פון טומאַנען,
זאָל איצט פלייצן ווי ווייַרעך פון גאָלדענע פאַנען״.

די שטובן־מאָליערס

אין אַ שטאָט זענען געווען שטובן־מאָליערס אַ סך,
וואָס האָבן געאַרבעט, אָבער נישט געקענט זייער פאַך
(געפין ריכטיקע בעל־מלאכות — פאָלג מיך אַ גאַנג:
זיי זענען שוין אויפן עולם־האמת גאַנץ לאַנג!);
האָבן זיי גענומען אויף רעכטס און לינקס שמירן
און די ווענט מיט אַלערליי מוסטערן באַצירן;
אָבער וואָס זיי האָבן געמאָלט — טונקל צו העל —
אַלץ איינס איז פון דער וואוינונג געוואָרן אַ תל.

ווען ס׳האָט זיך גענומען באַקלאָגן
עמעצער, לאמור, אַזוי צו זאָגן :

„די אַרבעט איז אין דער ערד
און איז קיין גראָשן נישט ווערט“,
האָבן די פּאַרטאַטשעס גערופן „זאכקענערס“
וואָס האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ עפּעס שענערס:
ווי די פיינע שטובן־מאַלערייען:
„ס׳איז **פרימא**, און איר זאָלט קיין סך נישט ברייען!“
אַ לאָקאַטאָר, וואָס האָט געדענקט פריערדיקע צייטן,
האָט געזאָגט די עקספּערטן די פּאַרשייטע:
„פאַר אייך איז וואויל, פיין און כשר
די אַרבעט פון יעדן פושער,
וואָס רופט אָן זין שמירעכץ „מאָלעריי“ —
אַ חרפּה און אַ הימל־געשריי!

„איינער פּאַרשמירט מיט קאַלכווייס די ווענט —
און ס׳בלייבט די קאָליר אויף די קליידער און די הענט;
מיט וואַסערדיקער פּאַרב שפּריצט אַ פּאַרטאַטש אַ צווייטער
(מען שרייט: „וואַסער־שפּריצער“, אָבער ער כלאַפּעט ווייטער);
אַ דריטער פּענדזלט מיט געדיכטן אויל,
אָבער די ווענט בלייבן אָפּגעשונדן־הויל.
טייל באַניצן שאַבלאָנען אָפּגעריבענע, אַלטע —
און די באַצירונגען קומען אַרויס טויטע און קאַלטע;
אַנדערע באַניצן אַ ׳נייעם׳ שאַבלאָן־מוסטער —
ווערט די שטוב אַ וואקזאַל, אַן אומהיימלעך־פּוסטער.

„אָווע־טאָווע, מען גיסט, שפּריצט מיט פּאַרבן אַלערליי —
אָבער ס׳האָט נישט קיין טעם אייער שטובן־מאָלעריי!“

דער רולעט־שפּילער

אַ מענטש, וואָס האָט אין קאַסינאָ־רולעט אַ פּותיקי
פאַרשפּילט, האָט אין ערגעניש געזידלט די קויטיקע
אַזאַרט שפּילן און אַלעמען געשטעלט אַ שאלה:
פאַרוואָס באַעוולט אים דאָס ראָד־געדרייעניש דאָס פּאַטאַלע ?

און ער האָט פאַרבראַכן די הענט און געקלאָגט און געוויינט —
ס׳האָט דאָס קאַסינאָ־גליק קיין מאָל נישט פאַר אים אויפגעשיינט.
ס׳איז אַ פאַרשווערונג קעגן אים — ס׳קאָן דאָך אַנדערש נישט זיין!
אַנדערע די געווינערס; דער פאַרשפּילער — ער אַליין.
אַ שפּיל־וועטעראַן האָט געזאָגט: „מאַך נישט קיין טומל;
דאָס שרייען, לאַרעמען און קלאָגן פּאַסט נישט צום רומל.
וואָס וועט דען דיר העלפן פאַרביסענע קנאה־שנאה?
שוין קראַנטער מאַכן צום בייזן שפּיל אַ גוטע מינע.

„מיין נישט, אַז דו ביסט דער איינציקער פאַרשפּילער אין רולעט:
כמעט יעדער איצטיקער געווינער פאַרשפּילן וועט
מעגלעך שפּעטער ביי דעם צופעליקן רעדל־געדריי —
וועט דען העלפן עמעצנס קלאָג, לאַרעם און געשריי ?

„פאַרגעס נישט, פאַרשפּילער, אַז דו ביסט אין אַ שפּילהויז,
וואו ס׳קיניגט אַליין־הערשעריש דאָס צופאַל־געזעץ בלויז,
און וואו ס׳איז פאַראַן בלויז איין איינציקע רעגולאַציע
ווען דו פאַרשפּילסט אין רולעט — פאַרשפּיל מיט גראַציע״.

דער פּיליגראַן־שמיד און די מבֿינים

אַ שמיד, אַ מייסטער פון פיינע אָרנאַמענטן,
פלעגט ברענגען אויפן מאַרק פאַר זיינע קליענטן
מעטאַלענע צאַצקעס, אמתע אַנטיקן,
וואָס פלעגן אַלע מבֿינים גאָר אַנטציקן,
און ברענגען אים אַ סך לויב און אַ ביסל געלט,
ווי ס׳איז דער שטייגער אויף אונדזער בידנער וועלט.

איין מאָל האָט ער באַשלאָסן, אויך קליינע אַנטיקלעך
אויסצומייסטערן: „ס׳וועלן זיין גליקלעך
די מבֿינים צו קויפן די מיניאַטורן,
די פאַנטאַסטישע פּיליגראַן־פיגורן״.

דער מייסטערשמיד איז אָבער אַנטטוישט געוואָרן שטאַרק,
ווען ער האָט די קליינע ווערק געברענגט אויפן מאַרק:
די אָפּנעמערס האָבן אים נישט געקאַרגט קיין לויב,
אָבער זיי האָבן געזאָגט: „פאַר אַזאַ מין דרויב
זאָלן מיר אייך צאָלן? איר דאַרפט אונדז, כ׳לעבן,
די קלייניקייטן ווי אַן ׳עקסטרע׳ צוגעבן״.

דער שמיד האָט געענטפערט מיט צער און צאָרן:
„איר האַלט זיך פאַר געשוואוירענע אַמאַטאָרן
און מבֿינים איבער שיינע אָרנאַמענטן,
אָבער זיי מוזן אַ פּוד אָדער אַ צענטן
וועגן; אויב נישט, זענען זיי פאַר אייך אַ צולאָג,
וואָס מען גיט גראַטיס אין מאַרק אויף דער גרינצייגוואָג.
וואָס פאַר אַ באַטייט האָט אייער מבֿינות דען,
וואָס נישט אָפּשאַצן דעם מיני־פּיליגראַן קען?
איר זענט אַמאַטאָרן, אָבער אויף דער אויבערפלאַך,
און ׳גרויס׳ איז ביי אייך אַ צווייטער נאָמען פון ׳אַ סך׳ ״.

טייל מבינים שאַצן אָפּ אַלץ לויטן שטח:
וואָגיק איז פּאַר זיי אַ פולער זאַק מיט רעטעך.
וואָס פּאַר ווערט האָט דען פאַר זיי **פיין**, **טיף** און **שיין**,
ווען ס'איז ווי אַ „טל ומטר" אין סידורל — **קליין**?

די פּאַסאַזשירן און די באַן־סטאַנציע

אַן אינטערנאַציאָנאַלע באַן אין אַ מדינה
אַ פרעמדער איז פאַרבייגעפאָרן פעלדער גרינע
און האָט אויף יעדער סטאַנציע זיך פאַרהאַלטן.
אין די וואַגאָנען — פינצטערע געשטאַלטן,
אַגענטן, וואָס קאָנטראָלירן פּאַפּירן
און פירן אַוועק אַ צאָל פּאַסאַזשירן.
וואוהין, פאַרוואָס — כאָטש גיי פרעג די מעטאַל־קנעפּ,
די קאַלטע דאַשיקעס פון די שומרים, דעם סטעפּ
מיט די אומהיימלעכע סטאַנציע־געביידעס
פוסטע, פון בלוט־קאָליר, די שטומע עדות.

אין די וואַגאָנען ווערן פאַרשטומט
דער טומל און געלעכטער; פאַרקרומט
פון שרעק זענען די פּנימער פון די פּאַסאַזשירן —
די אַגענטן זאָלן נאָר זיי נישט אַרויספירן.

ווי נאָר אָבער די באַן איז פון אַ סטאַנציע אַוועק,
איז פאַרשוואונדן געוואָרן, מיט די שומרים, די שרעק,
און באַנייט — געלעכטער, אַ טומל און געפילדער
אין דער באַן, ווי ביי אַ שבת־מאַסע אַ ווילדער.

בלויז איינער האָט געזאָגט: „וואָס איז די גדולה,
די שמחה און די זאָרגלאָזיקייט די דולע?
ווער פון אייך, פריילעכע פּאַסאַזשירן, האָט דען די גאַראַנטיע,
אַז מען וועט אים נישט אַרויספירן ביי דער נאָענטסטער סטאַנציע?"

די בריליאַנטן אין מויל

אַ מענטש אַ רייכער איז געוואָרן באַפֿאַלן
פֿון רויבערס, וואָס האָבן זיינע סקלאַדעס, זאַלן
אויסגעליידיקט און בדיל־הדל אים אַליין
כלומרשט געשטעלט — „איבער דער מדינה צו גיין".

און ס'האָבן נאָך געפֿונען אַ שעת־הכושר
די בני־בליעל צו רייצן זיך מיטן עושר,
צו דערנידעריקן אים און צו פֿאַרשעמען
מיט אַלערליי באַליידיקנדיקע נעמען:
— דאָס איז אַ דר'ערדליגער, אַ גאַרנישט שוין איין מאָלו
— מיט דעם שלימזלדיקן יאָלד האָלט גאָר שמאָל !
— ר' לעמעשקע, מיר האָבן פֿאַר דיר איין עצה —
אַרומגיין שנאָרן מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע".

דער עושר האָט געשוויגן: וואָס פֿאַר אַ פּנים
האָט, אומשטיינסגעזאָגט, צו טענהן מיט גזלנים?
חוץ דעם האָט ער געשוויגן צוליב אַ וויכטיקע
סיבה: ער האָט אפּותיקי ריכטיקע —
זעלטענע דימענטן — אין מויל אַריינגענומען:
עלעהיי זיי האָבן באַגזלט אַ שטומען.

אין זיך געטראַכט האָט דער עושר: „איך לאָז אויס אייך
איר מנוולים; דער „קבצן" איז נאָך אַלץ שטיין־רייך:
איך האָב אַ פֿול מויל מיט טייערע איידלשטיינער
און ס'איז נישט אומשטאַנד מיך צו באַרויבן קיינער.
וויפֿל איר זאָלט נישט אָנרויבן אייגנטום פֿרעמדס,
זענט איר שלעפּערס; איך בין רייך אין איין העמד.
איר האָט צוגערויבט אַ סך שמאַטעס — פֿיין און וואויל;
וואָס איז דאָס לגבי דעם אוצר אין מיין מויל?"

די לויפּערס צום זיסן קוואַל

מענטשן האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן
צו אַ מאָדנעם קוואַל אין אַ לאַנד אַ ווייטן —
אַ קוואַל פון וואַסער, זיס צו דעם גומען,
מיט פאַרשיכורנדיקן ריח פון בלומען.

פיל שטרויכלונגען און געפאַרן זענען געווען,
און נישט איין אומגליק איז דאָרט געשען:
ווער וועט דען מיט „שלעכט" און „מיאוס" זיך מיאוסן
אויף די אומוועגן צום קוואַלוואַסער דעם זיסן?

סיי די וואָס זענען אָנגעקומען צו דעם קוואַל,
סיי די וואָס האָבן זיך מיט זיין אָפּפלוס אין טאָל
באַנוגנט, האָבן זיך אומגעקערט נאָכן טרינקען,
ווי אין דאָרשט־שיכרות פאַרזונקען.

איינער וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דעם האַרמידער,
האָט געזאָגט: „וואָס ניצן די טירחות, אַז ווידער
און ווידער מוזט איר צום זעלבן קוואַל אָנקומען,
צו שטילן אייער דאָרשטיקע קעל און גומען.

„נאַראָנים! וואָס מער איר וועט פון דעם וואַסער זיסן
טרינקען, אַלץ מער וועט איר וועלן דערפון געניסן;
לעשן דעם דאָרשט מיט זיסן וואַסער האָט נישט קיין זין —
ס'איז ווי איינשטילן אַ פייער מיט קעראָסין."

* * *

לאָמיר פראָסט־פשוט זאָגן דעם מיין פון דער פאַבל,
ווייל נישט יעדער איינער וועט גראָד זיין קאַפּאַבל

אים צו כאַפּן: ווען מען רעדט וועגן קוואַל זיסן,
מיינט מען — די תאווה פון מענטש, אַז מען זאָל וויסן
וועגן אים; מיינט מען — די רייזע צום רומקוואַל,
וואָס פירט דורך אַ סך רינשטאָקן, מיסט און אָפּפאַל.

צוויי קוואַלן

אַ קוואַל, צו וועלכן אַ סך מענטשן זענען געקומען
שעפּן וואַסער, האָט זיך גדלותדיק איבערגענומען:
„אַוודאי, ביי מיר איז דאָ וואָס צו נעמען, נישט ווי ביי
דעם עלנטן קוועלכל, וואָס שטראָמט אומבאַרירט פאַרביי."

„כ'פאַרגין דיר דיין דערפאָלג", האָט געזאָגט דער 'עלנטער' קוואַל
צום 'גרויסן' שטראָם", דו ביסט מוטנע, פול מיט אָפּפאַל:
דו ווערסט אומאויפהערלעך פאַרשמוצט,
ווייל דו ווערסט אַזוי פיל באַנוצט.

„דאָרט וואו ס'קומען אַ סך, לויפן נאָך; מער מענטשן — מער שטויב;
מען דערפרישט זיך שוין נישט מיטן וואַסער, נאָר מיטן לויב
פון פּאָפּולערן קוואַל. — צו מיר קומען אָבער ווייניק:
ס'איז באַשיימפּערלעך, אַז צו טרינקען פון מיר איז גיניק.
מיין שטראָם ווערט נישט מוטנע, בלייבט קלאָר ווי קריסטאַל —
ווי ס'דאַרף זיין דאָס וואַסער פון אַ לויטערן קוואַל."

דער געלערנטער און דער פּאָעט

אַ געלערנטער מאַן האָט מיט אַ סך התפּעלות גערעדט
וועגן די וועלט־וואונדערס, אין אַ שמועס מיט אַ פּאָעט:
פּלאַנעטן... קאָנסטעלאַציעס... אומבאַגרייפלעכער קאָסמאָס;
און אַלץ — אַ סימפאָניע פון אַ גוואַלדיקן אָרקעסטער,
מיט וועלכן ס׳פירט אָן דער וועלטן־דיריגענט דער גרעסטער.

און ער האָט גענומען וועגן ערד־קיילעך דערציילן:
הגם ער איז נישט אומענדלעך לויט דער צאָל מיילן,
איז ער גרויס, מאַיעסטעטיש אומענדלעך אויף זיין שטייגער,
מיט זיין לעבנס־ריטעם, וואָס פונקציאָנירט ווי אַ זייגער;
פון דער ערדס 4 צייטן,
וואָס כסדר זיך בייטן;
די תהומיק־טיפע אָקעאַנען, בערג ריזיק־הויך,
פון וואולקאַנען, טייפונס און הוראַגאַנען דער כוח...

דער פּאָעט, וואָס האָט אויסגעהערט די באַגייסטערטע רייד,
האָט געזאָגט דעם געלערנטן מאַן: „ס׳טוט מיר לייד,
אָבער איך קוק אויף דעם אַלעם מיט אַנדערע אויגן:
גרויס איז נישט פאַר מיר דאָס, וואָס ווערט געמאָסטן און געוואויגן;
אמתע גרויסקייט האָט נישט קיין פיזישע דימענסיעס,
דאָס גראַנדיעזע איז באַשיידן און אָן פּרעטענזיעס.
„וואָס איז די פעולה
פון גאַלאַקסיע, נעבולאַ?
ווייטן... מיריאַדן ליכט־יאָרן — און פּטור,
ציפערן אויפן הימלישן קאָמפּיוטער.
די בערג? — קופּעס מינעראַלן, שטיינער, ערד און ליים.
דער אָקעאַן? — אַ בעקן, וואו מאָנסטערס האָבן אַ היים.
אויב דער מאָס־קאָסמאָס און זיין יעדער טייל באַזונדער
האָט באמת אַ גראַנדיעזן פאַרנעם און וואונדער,

איז דאָס אין סוגעסטיווע אימאַזשן,
אין פאַרביקע רעפלעקסן, מיראַזשן.
ס'איז גרעסער וואונדערלעכער פון די שטערן אין הימל
דאָס גרינע גרעזל, דער קריסטאַל־טוי, דאָס בלויע בלימל;
ס'זענען טיפער פון ימים, פון בערג העכער
די פייגעלעך, וואָס זינגען שירה אויף די ביימער און דעכער״.

די אַקטיאָרן

פרינץ האַמלעט מעדיטירט וועגן דעם קץ,
באַטראַכטנדיק דאָס שיידל פון דעם לץ
ווי רואינען פון אַ צעשטערטער שטאָט,
וואו פריילעך לעבן גערוישט אַ מאָל האָט.

„פור יאָריק״, וואָס האָט אַלעמען מונטער
געמאַכט — זיין געביין איז אין אַ צווינטער.
וואו זענען זיינע לאכנדיקע אויגן?
זיין מויל וואָס האָט, ווי אַ פיילן־בויגן,
געשליידערט שאַרפע ווערטער אין אַ ציל,
איז געבליבען פאַרקלעמט, אויף אייביק שטיל

* * *

די אַקטיאָרן האָבן אין דעם טרויערשפיל
פאַרקערפּערט דעם מייסטערס געדאַנק, געפיל,
די פאַרהוילענע שפורן און פאַקטן
פון דער „דראַמעס״ אומענדלעכע „אַקטן״.

ווען די אַקטיאָרן זענען פון דער בינע
אַראָפּ, האָט כמעט יעדער פון זיי אַ מינע
אַן אַנדערע — אַ פריילעכע — שוין געמאַכט,
האָט אַ זאָרגלאָזער געשפּאַסט און געלאַכט.

בלויז איינער האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין,
געזאָגט: „**די בינע**, פול טרויער און געוויין,
איז געווען די וואָר, די דראַמע — נישט קיין שפּיל;
איצט שפּילט איר אין אַ ביליקן וואָדעוויל.

„מיר אַלע טראָגן אין זיך יאָריקס שארבן
אונטער אַ מאַסקע פון ראָזע פאַרבן
און אונדזערע ראָלעס זענען נישט עכט
אין דעם שפּיל, וואָס איז אַליין שונדיק־שלעכט.“

דער פאַרמער און דער האַרטער באָדן

אַ יונגער פאַרמער, וואָס האָט אַ נחלה פאַרמאָגט,
האָט פאַר אַן אַלטן שכן זיך ביטער באַקלאָגט;
„וויז מיר ווער ס׳האָט נאָך אַזאַ פינצטערן גורל“,
האָט געטענהט מיט גרויס פאַרדראָס דאָס פויערל.

און ער האָט דערמאָנט שווערקייטן אַלערליי —
די פיל צרות ביים אַקערן און ביים פאַרזיי:
דאָס אַקער־אייזן צעברעכט זיך ממש די „ציין“
ביים איינבייסן זיך אין דעם באָדן, האַרט ווי שטיין;
און ווען די ערד איז שוין, גאָט־צו־דאַנק, צעאַקערט,
אַ שטורמווינט ווי אַ פייער זיך צעפלאַקערט

און רואינירט אין זיינע פעלדער דעם פּאַרזיי,
נאָך אַזוי פיל זאָרגן, האָרעוואַניע און וויי.
און וואָס איז מכוח דעם האַרבן גאַסט, ווינטער,
וואָס פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ צווינטער
און פאַרקאָוועט די ערד מיט אַ רייף פון אייזן? —
וועט דער פּרילינג־רעטער אין צייט זיך באַווייזן?
דער עלטערער פאַרמער האָט דעם יונגערן געזאָגט:
„די צרות, אויף וועלכע דו האָסט זיך איצט באַקלאָגט
זיינען אויך מיר נישט פרעמד; און די מי און פלייס,
וואָס איך האָב, אין צוגאָב צו טרערן און שווייס
אַריינגעלייגט, זיינען אָפט געווען אומזיסטע —
קרבנות פון שטורעמווועטערן בייזע, וויסטע;
פונדעסטוועגן הער מיין עצה: דיין אַרבעט טו;
האָרעוואַניע איז דיין לוין, אין באַמיאונג — דיין רו.

להכעיס די שטורעם־ווינטן, באָדן האַרטן,
וועסטו נאָך אויף אַ רייכן שניט זיך דערוואַרטן
און עס וועלן זינגען מיט לויב וועגן דיינע זיגן
די קאָרן־כוואַליעס, וואָס וועלן אויף דיינע פעלדער זיך וויגן“.

ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן

נאָקטורנס — לידער, פאַרלאַג „אות״, וואַרשע, 1938

ליטעראַרישע סילועטן — עסייען, אַרויסגעגעבן פון קולטור־אַמט
ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די
באַפרייטע יידן אין מינכען, 1949

לידער — מינכען, 1950

עפּיגראַמאַטיש — מאָנטרעאָל, 1954

פון וועלט־קוואַל — עסייען, פאַרלאַג „המנורה״,
תל אביב, 1963

לאָדזשער פּאָרטרעטן — אומגעקומענע יידישע שרייבערס,
פאַרלאַג „המנורה״, תל אביב, 1963

זינגערס און זאָגערס — עסייען, רייזע־באַשרייבונגען, רעדעס,
פאַרלאַג „המנורה״, תל אביב, 1971

היימישע און פרעמדע — ליטעראַרישע עטיודן, פאַרלאַג „סביבה״
בוענאָס־איירעס, 1973

משלים — פאַרלאַג „אייגנס״, ניו יאָרק, 1975

דער פאַרכישופטער יאַריד — נייע משלים, ניו יאָרק, 1976